# הבנין בהבנותו

רעפעראט איבער די
בוי-אקטיוויטעטן פון די
**מקוה טהרה**
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
וויליאמסבורג











## מקוה ישראל מושיעו

# על כן יאמרו המושלים בואו חשבון!

מער פון דריי יאר איז שוין פארלאפן פון ווען מען איז בסייעתא דשמיא אריינגעשפרינגען אין דעם הייליגן פראיעקט, גאנצע דריי יאר פון עבודת הקודש לטהרתן של ישראל, אנגעהויבן פון פלאנירן ביז צו די פאקטישע בוי ארבייט וואס גייט אן ב"ה מיט'ן פולסטן אימפעט.

דריי יאר איז שוין א חזקה וואס החוט המשולש לא במהרה ינתק, און אזויפיל הארעוואניע און אזויפיל אידיש געלט און הארץ וואס איז איינגעשטעקט געווארן אין דעם פראיעקט וועט זיכער זיין דער ריכטיגער יסוד פאר אונזער עתיד על בנינו ועל דורותינו ביז משיח'ס טאג בקרוב ובמהרה.

אין אזא צייט איז די פאסיגסטע געלעגנהייט זיך אפצושטעלן א ווייליע און מאכן א חשבון, וואס האט מען עררייכט אין לויף פון די לעצטע דריי יאר ביז צום היינטיגן טאג, און וואס פעלט זיך נאך אויס צו קענען גומר זיין בכי טוב אויף דעם פראיעקט.

צום ערשט דארף מען זיך באדאנקען פאר די טויזנטער אנשי שלומינו וואס האבן זיך ווארעם אנגערופן צום קריאת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א און האבן זיך משתתף געווען מיט'ן סכום פון $1800 שקלי הקודש, וואס נאר אדאנק די ווארימע נדבות פונעם חשוב'ן ציבור האבן מיר דערגרייכט ביז אהער, און דאס האט אונז ערמעגליכט אויפצובויען דעם בנין וואו עס איז שוין ביז צום היינטיגן טאג אריינגעלייגט געווארן די פאנטאסטישע סומע פון נאנט צו 5 מיליאן דאלער.

אבער אין די זעלבע צייט קומען מיר מיט א הייסן רוף צו די אלע וועלכע האבן זיך נאך ביז יעצט נישט אנגעשלאסן אין דעם הייליגן צוועק, אדער די וועלכע האבן נאך נישט פארענדיגט אויסצאלן זייער התחייבות, אז מען זאל דאס נישט אפלייגן אויף שפעטער ווייל מיר נויטיגן זיך דרינגענד אין גרויסע סכומים צו קענען פארזעצן מיט'ן פראיעקט.

**אצינד ווען מיר האלטן שוין נאנט צום גמר, און מיר גרייטן זיך לנצח על מלאכת בית ה' צו פארענדיגן די לעצטע שטאפלען פון דעם בנין, פעלט זיך נאך אויס די סומע פון 3 מיליאן דאלער צו פארענדיגן דעם בנין.**

**דעריבער בעטן מיר פונעם חשוב'ן ציבור נדיבים בעם, אנא שאו ידיכם קודש! העלפט אונז ארויס אין די עבודת הקודש, נעמט א חלק אין די געוואלדיגע מצוה וואס האט נישט קיין שאץ, און איז בדוק ומנוסה אלס א קוואל פאר אלע מיני ישועות.**

מיר טוען אייך דא פארשטעלן א באריכט פון די אנגייענדע ארבייט פון דעם מעכטיגן בנין לטהרתן של ישראל. וואס וועט ווארפן א שטיקל ליכט אויף די קאסטבארע אונטערנעמונג וואס איז אונטערגענומען געווארן כדי צו קענען צושטעלן די גרעסטע הידורים און חומרות לטהרתן של ישראל, מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן בעז"ה.

לייענט מיט שפאנונג.

בברכת כתיבה וחתימה טובה

**ועד הנהלת המקוה**



קדושתן של ישראל:

# אינדרויסענדיגער סטרוקטור פון בנין החדש פולקאָם פאַרטיג ב"ה

## מאסיווע בוי ארבעט אין פולסטען טעמפא; גאנצער בנין ארויפגעצויגן מיט ציגל; גאנצער בנין ווערט פארפארטיגט גאר בקרוב בעז"ה

אין דער צייט וואס דער אלגעמיינער ציבור געפינט זיך יעצט אויף די בערג, "עַל הָרִים יַעַמְדוּ מָיִם", גייט אבער אן די ארבעט אין דעם בנין החדש פון די מקוה טהרה אין וויליאמסבורג, מיטן פולסטן טעמפא, און יעדן טאג דערקענט זיך גרויס פארשריט וואס ברענגט נאענטער צום גמר הבנין און איר מחנך זיין לטהרתן של ישראל, אין די גאר נאענטע חדשים.

א שטיין אויף א שטיין, א ציגל אויף א ציגל. – קוים עטליכע וואכן זינט מ'האט אנגעהויבן צו פארענדיגן די אינדרויסענדיגע סטרוקטור פונעם בנין, און יעצט איז דער גאנצער בנין פולקאם פארבויעט מיט ציגל, און יעצט זענען די עושי המלאכה שטארק פארטוהן מיט די בוי ארבעט פון אינעווייניג, צו פארענדיגן די שטובער, עלעקטריק, פלאמבינג, א.א.וו.

דער גאנצער פראיעקט ווערט באגלייט און געבויעט דורך די מומחים אין דעם פעלד, הרבני החשוב מו"ה שמואל זאנוויל פאלאטשעק הי"ו ובנו מו"ה מאיר יעקב הי"ו, וועלכע לייגן אריין אומערמידליכע ארבעט אין יעדן דעטאל ס'זאל זיין דאס בעסטע און שענסטע וואס מעגליך. שטארק און באקוועם, צוגענגליך און פראקטיש, אז ס'זאל אויסקומען א מייסטער פון א בנין, צו די פולסטע צופרידנהייט פון אלעמען.



ווי ביי יעדע דבר טוב איז אין די לעצטע חדשים אונטערגעקומען געוויסע אומפאראויסגעזעענע שוועריקייטן וואס האט אפגעהאלטן די ארבעט. ב"ה ס'איז געלונגען מיט גרויס סייעתא דשמיא בזכותו של אותו זקן רבינו הק' זי"ע וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען למען קדושתן של ישראל, אז מ'איז איבערגעקומען אלע פראבלעמען, און מיט די הילף פון חשובע עסקני הציבור פון וויליאמסבורג האט מען באקומען די נויטיגע פערמיטן צו קענען פארזעצן מיט די פארצווייגטע ארבעט.

די גאנצע בוי ארבעט ווערט באגלייט על פי הוראת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לויט די הידורים און חומרות פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע, מיט די פערזענליכע הדרכה פון בנו הגאון הצדיק אבד"ק ור"מ שליט"א, וועלכער איז דער גאנצער רוח החיים פון דעם הייליגן אונטערנעמונג ליסוד קדושתן של ישראל, און מיט די באגלייטונג פון די חשובע רבנים הגאוה"צ ודייני הקהלה שליט"א, וועלכע קומען זיך באזוכן און זיך אומקוקן אויף די ארבעט, און דריקן אויס געוואלדיגע התפעלות אויף אלע פרטים און דעם גאנצן פראיעקט.

זכותים אדירים לדורות עולם:

# דריי מיליאן דאללער קאמפיין אונטערגענומען צו פארענדיגן דעם בנין אין גאר נאענטע חדשים

## העסקן החשוב מו"ה אברהם אלימלך טייטלבוים הי"ו וועט אפנעמען טעגליך די נדבות פונעם ציבור

א מאסיווער מולטי מילליאן דאללער קאמפיין איז געווארן אונטערגענומען אין די יעצטיגע וואכן צו קענען פארענדיגן אלע טיילן פון דעם גרויסן בנין, און דאס קענען אריינברענגן אין דינסט אין די גאר נאענטע חדשים בעז"ה.

אין די יעצטיגע טעג זענען די הנהלת המקוה טעטיג אויפצוטרייבן גרעסערע סכומים פאר דעם הייליגן אונטערנעמונג, די חברי הנהלה ובראשם הרבני החסיד ר' חיים אליעזר גראס שליט"א אינאיינעם מיט די אנדערע עסקנים מו"ה פנחס זעליג פערלמוטער הי"ו, מו"ה אשר גאנץ הי"ו און האברך החשוב מו"ה יעקב טעללער הי"ו נאמן ביתו פון הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א און רוח החיים פונעם גאנצן פראיעקט, גייען ארום צו די נדיבים בעם אפצונעמען תרומת ה' פאר דעם אויפבוי פון די מקוה.

באזונדער גייט אין די טעג ארום העסקן הדגול מו"ה יואל בראווער הי"ו צווישן די חשוב'ע נדיבים בעם וועלכע ווילן זיך איינהאנדלען זכותים מסוימים אין דעם בנין המקוה, וואס וועט פארבלייבן לזכות עולם לעד ולנצח.

אין די זעלבע צייט דערקענט זיך שטארק די ארבייט פונעם ענערגישן עסקן האברך החשוב מו"ה אברהם אלימלך טייטלבוים הי"ו וועלכער האט שוין אויפגעטריבן שווערע געלטער פאר דעם הייליגן אונטערנעמונג, וואס לייגט אצינד אריין שטארקע כוחות צו קענען צוקומען צום גאנצן ציבור אנשי שלומינו, נדיבים ונגידים און

(פארזעצונג אויף זייט 6)

# געגאסן אוצר המעיין, אוצר גשמים, און דער מעכטיגער צעמענטענער „גשמים דאך"

### מיט באטייליגונג פון הרבנים הגאוה"צ רבני ודייני קהלתינו הק' שליט"א
### ספעציעלער באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א הארט בעפאר זומער

## די בורות הטבילה וועט געגאסן ווערן אין די נאנטע טעג

אין די לעצטע חדשים האט מען געענדיגט גיסן די אוצר המעיין, דער אוצר מי גשמים, אינעם בנין המקוה זעלבסט, און מיט גרויס סייעתא דשמיא האט מען באזונדער פארענדיגט דעם קאמפליצירטן און מעכטיגן צעמענטענעם "גשמים דאך", וואו דאס וואסער זאל אריינפליסן אין די בורות האוצר.

די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א רבני ודייני קהלתינו הקדושה פון וויליאמסבורג, בארא פארק, און מאנסי, וועלכע זענען גדולי תורה והוראה און גוט באקאנט אין בויען מקוואות, האבן ספעציעל באזוכט אינעם בנין פון די מקוה, אינאיינעם מיט הגה"צ דער רב שליט"א, און זענען געווען עומד על המשמר ווען מ'האט געגראבן דעם קוואל און געגאסן די בורות, אז אלעס ווערט געמאכט מיט די פולסטע מאס הידורים און חומרות.

ספעציעל איז צום באוואונדערן דער העכסט מהודר'דיגער "מי גשמים דאך". דער דאך איז געבויעט אויף א מעכטיגן פארנעם תחת כיפת הרקיע, ריזיג אין פלאץ, אויפן גאנצן שטח פונעם דערנעבענדיגן בנין, אויף גאר שטארקע יסודות פון שטאלערנע שטאנגן, אויסגעהאלטן לויט די מערסטע הידורים און חומרות.

עש"ק פר' קרח האט כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אין דעם בנין, און איבערגעגאנגען אלע פרטים פון די אוצרות און דער "מי גשמים דאך" וואס איז געבויעט לויט די ספעציעלע חומרות פון רבינו הק' זי"ע. דער רבי שליט"א וועלכער האלט כסדר מיט די אנטוויקלונגען און גיבט זיינע הוראות אויף טריט און שריט, האט באזונדער אויסגעדריקט גרויס קורת רוח צו דעם פראקטישן אויסשטעל פונעם בנין און דער גשמים דאך, וואס איז שטארק מהודר צו קענען שטיין פאר לאנגע יארן.


די צוגרייטונגען צו קענען גיסן דעם ספעציעלן צעמענטענעם 'מי גשמים' דאך

דער "קוואל" איז נתנדב געווארן דורך הרבני הנגיד הנכבד מו"ה בערל פאלאטשעק הי"ו פון קרית יואל, וועלכער איז שוין לאנגע יארן דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה צווישן אנשי שלומינו, און מיט זיין ווארים הארץ לכל דבר שבקדושה איז ער ספעציעל א גרויסער נדיב מרבה צו זיין טהרה בישראל. זכרה לו אלוה לטובה בזכות המצוה הגדולה צו זען ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו.

## אַלוועלטליכע גדולי ישראל שליט"א באַזוכן אין בנין מקוה טהרה החדש

### כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א און הגה"צ גאב"ד אַנטווערפן שליט"א דריקן אויס טיפע באַגייסטערונג פון די פולע הידורים וחומרות

אין די לעצטע חדשים האבן צוויי גדולי ישראל פון איבער די וועלט באזוכט דעם בנין פון די מקוה טהרה החדש, און אויסגעדריקט זייער טיפע באַגייסטערונג פון די פולע הידורים וחומרות מיט וואס דער בנין ווערט געבויעט לטהרתן של ישראל.

באלד נאך פסח העעל"ט האט באזוכט אין וויליאמסבורג דער נארוואס עקרוינטער רב פון די קהלה קדושה מחזיקי הדת אין די עיר ואם בישראל אנטווערפען יצ"ו, הגאון הצדיק המפורסם רבי אהרן שיף שליט"א.



דער אנטווערפענער רב שליט"א וועלכער איז באקאנט בקשרי ידידות מיט הגה"צ אבד"ק שליט"א פון די יארן וואס ער האט געוואוינט אין אנטווערפן, האט באזוכט בביתו נאוה פון רב שליט"א וואס ס'האט זיך פארפירט גאר א שיינער תורה'דיגער שמועס. דאן האט דער רב שליט"א מכבד געווען דעם חשובן גאסט צו באזוכן דעם בנין פון די מקוה.

אין די וואך פון פר' שלח האט באזוכט ביים רב שליט"א דער מרא דארעא דישראל, כ"ק הגאון הצדיק רבי יצחק טובי' ווייס שליט"א, וועלכער איז אויך שטארק בידידות מיטן רב שליט"א נאך פון די יארן וואס זיי האבן געוואוינט אין די שטאט אנטווערפן.

נאך גאר א ווארימען באזוך ביים רב שליט"א האט דער ירושלימ'ער רב שליט"א אין באגלייטונג פון רב שליט"א און די עסקנים באזוכט די מקוה טהרה וואס ווערט יעצט געבויעט ברוב פאר והדר. דער ירושלימ'ער רב שליט"א האט א לענגערע צייט ארומשפאצירט איבער די שטאקן און מיט וואונדער באטראכט אלע פרטים פון דעם בנין, די בורות טבילה, די חדרים, און אלעם ארום, און אויסגעדריקט זיין טיפע באגייסטערונג פון די פילע הידורים און חומרות וואס ווערט אריינגעלייגט לטהרתן של ישראל.



# ׳מקוה סטעיטמענטס׳ ווערט ארויסגעשיקט אויף די פּאָסט מיט דעטאַלירטן חשבון פון שקלי הקודש באַלאַנס

אין די טעג ווערט ארויסגעשיקט דורכ׳ן ועד קרן הבנין פרישע ׳מקוה סטעיטמענטס׳ פאר די אלע וועלכע האבן נאך נישט אויסגעצאלט דעם התחייבות שקלי הקודש, וואו עס וועט ווערן אויסגערעכנט א פונקטליכן באריכט פון אלע נתינות וואס זענען שוין ערהאלטן געווארן ביז היינט, און דעם פארבליבענעם באלאנס ביז צום סכום פון $1800 וואס רבינו שליט"א האט מחייב געווען אלע אנשי שלומינו צו געבן לטהרתן של ישראל.

דער ועד קרן הבנין איז אין די יעצטיגע טעג ספעציעל אנגעוויזן אויף נדבת לבם פונעם חשוב׳ן ציבור, כדי צו קענען פארזעצן מיט די הייליגע ארבייט צו קענען פארענדיגן די בוי ארבייט אויף קומענדיגן ווינטער בשעטומ"צ.

רובם ככולם פון אנשי שלומינו האבן זיך שוין אנגעשלאסן אין דעם רוף פונעם רבי׳ן שליט"א צו נעמען א חלק אין דעם געוואלדיגן זכות פון טהרתן של ישראל, א גרויס חלק פונעם ציבור האבן ב"ה אויסגעצאלט דעם גאנצן התחייבות, אבער עס זענען נאך פאראן א גרויסע צאל אנ"ש וואס זענען נאך שולדיג געבליבן א טייל פון די נדבה, און דער ועד קרן הבנין קוקט זייער ארויס אויף יעדן סכום וואס וועט ארויסהעלפן צו פארענדיגן די ארבייט.

ווי שוין באריכטעט ווערט פאראויסגעשאצט אז עס וועט נאך אפקאסטן ארום 3 מיליאן דאלער צו פארענדיגן דעם גאנצן פראיעקט כלול בהדרו, און דעריבער איז צו האפן אז די אלע וואס וועלן באקומען די סטעיטמענטס ווען זיך צואיילן אויסצוצאלן דעם גאנצן באלאנס צו געבן א שטופ פאראויס פאר דעם פראיעקט.

די נדבות פאר די מקוה קען מען איבערגעבן פאר דעם געטרייען עסקן ר׳ אברהם אלימלך טייטלבוים הי"ו, וועלכער שטייט גרייט א גאנצע וואך אפצונעמען נדבת לבם פון דעם חשוב׳ן ציבור.

ר׳ אברהם אלימלך נ"י גייט ארום במשך די וואך אין אלע אונזערע בתי מדרשים אין וויליאמסבורג, ווי אויך געפונט ער זיך יעדן דינסטאג נאכט בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א פאר די אלע אידן וועלכע ווילן איבערגעבן די שקלי הקודש פאר׳ן רבי׳ן שליט"א און מקבל זיין ברכת הקודש און די פערזענליכע מתנה, א "געבענטשטע ה״" לשמירה ולהצלחה בכל הענינים.

איבערצוגעבן די ברייטהארציגע נדבות קען מען זיך פארבינדן מיט ר׳ אברהם אלימלך טייטלבוים נ"י אויף 347-351-1993.

# ארבעט אנגעהויבן אויף נייעם שטח בשכינות פון דעם בנין המקוה

אין די פארגאנגענע וואכן האט זיך אנגעהויבן אין א מזל׳דיגע שעה די בוי ארבייט אויף דעם נייעם אפגעקויפטן שטח בשכינות פון דעם בנין המקוה, וואו עס וועט בעז"ה צוגעבויעט ווערן א פרישן פליגל צו די מקוה געביידע.

ווי באקאנט האט מען פארגאנגענעם יאר זומער צוגעקויפט דעם שכינות׳דיגן בנין פון 2,500 סק. פוס, וואס מיט דעם איז דאס גאנצע פלאץ געווארן א סך-הכל פון העכער 10,000 סק. פוס.

דער בנין וואס מען האט אפגעקויפט איז געשטאנען אויפ׳ן שטח הארט נעבן דעם בנין המקוה, און עס איז ארויסגעשטעלט געווארן צום פארקויפן אין די צייט וואס מען האט שוין געהאלטן אינמיטן די העפטיגע בוי ארבייט אויף דעם בנין המקוה, און די הנהלת המקוה האט געזעהן דערין א געוואלדיגע סייעתא דשמיא אז מען וועט קענען פארברייטערן די מקוה אויף א גרעסערן פארנעם.



די אנגייענדע ארבעטביים נייעם שטח

מיט דעם פרישן בנין איז צוגעקומען א פרישע הרחבת הדעת, וואו מ׳וועט קענען מסדר זיין מער חדרים אויף איין שטאק, און באזונדער צום באקוועמען באנוץ אין אלע זמנים.

עס איז אויך אין פלאן צו בויען אינעם פרישן בנין א דירה פאר די עומדים בראש ההשגחה וואס ווען זיך קענען שטענדיג געפונען פון דער נאנט לעת הצורך, און אויך פאר א מורה הוראה אויפן פלאץ, וואס וועט זיין שטארק לתועלת.

אין לויף פון דעם פארלאפענעם יאר האט מען שוין געהאט אראפגעווארפן די אלטע געביידע גרייט צו מאכן צום בויען, אצינד האט מען אנגעהויבן די פאקטישע בוי ארבעט אויפ׳ן ארט וואס וועט בעז"ה ווערן א באהאפטענער פליגל צום עקזיסטירנדען בנין המקוה.

כל המחובר לטהור טהור.

# סאפיסטיקירטע אינטערקאם סיסטעם ווערט אינסטאלירט

אין די קומענדיגע טעג וועט בעז"ה אינסטאלירט ווערן א גאר סאפיסטיקירטע קאמפיוטערייזד אינטערקאם סיסטעם וואס וועט פיל ארויסהעלפן פאר די גאנצעווירטשאפט אויפ׳ן ארט.

דער סיסטעם וועט גענוצט ווערן צו קענען גרינגער קאמיוניקירן פון איין שטאק צום אנדערן וכדו׳, און וועט פארגרינגערן פאר די מענעדזשמענט אויפ׳ן פלאץ צו פארשנעלערן זייער ארבעט.

דער סאפיסטיקירטער אינטערקאם סיסטעם וועט איינגעשטעלט ווערן מיט פארגעשריטענע טעכנעלאגיע וואס וועט ערמעגליכן פילע באקוועמליכקייטן פאר׳ן פראקטישן באנוץ.

# כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אין בנין המקוה; דרוקט אויס באגייסטערונג און התפעלות פון געוואלדיגע חומרות והידורים

פארגאנגענעם עש"ק פ' קרח האט כ"ק מרן רבינו שליט"א אפגעשטאטעט א באזוך אין דעם בנין המקוה, וואו ער האט פערזענליך איבערגעקוקט אלע אקטיוויטעטן וואס ווערן דורכגעפירט אויפ'ן ארט, און איז איבערגעגאנגען די פרטי הלכה פון אלע ענינים מיט די עוסקים במלאכת הקודש.

דער רבי שליט"א וועלכער איז זייער נאנט מיט דעם פראיעקט, האלט כסדר מיט די אנטוויקלונגען און גיבט זיינע הוראות אויף טריט און שריט, און קוקט שטארק ארויס אז דער בנין זאל קענען פארענדיגט ווערן ווי פריער בתכלית השלימות וההידור.

עס איז שוין אריבער מער פון צוויי יאר פון ווען רבינו שליט"א האט אפעלירט צום ציבור איבער דעם חובת השעה און האט מחייב געווען דעם גאנצן ציבור מיט דעם "התחייבות שקלי הקודש" פון אכצן הונדערט דאללער ($1,800) למען יסוד קדושתן של ישראל. און זינט דאן איז דער רבי ווייטער ממשיך אפצונעמען דאס געלט פונעם ציבור פאר דעם הייליגן צוועק, אנוואונטשנדיג פאר די אלע נדבנים כל מיני ברכות וישועות.

דער רבי שליט"א פארטיילט א פערזענליכע מתנה פאר אלע נותנים וועלכע טוען זיך באשטייערן מיט דעם גאנצן "התחייבות שקלי הקודש" אין סכום פון $1,800, א "געבענטשטע ה'" לשמירה ולהצלחה, וואס כידוע פלעגט דאס רבינו הק' זי"ע פארטיילן לשמירה מכל פגע ומחלה וישועה והצלחה בכל הענינים.

ווי אויך טוט דער רבי שליט"א פערזענליך אונטערשרייבן אויף א ספעציעל-געדריקטן כתב קבלה (רעסיט) פאר יעדן נדיב, לאות תודה והוקרה אויף די גרויסע נדבה למען הרחבת גבולי הקדושה בקרב בית ישראל.



כ"ק מרן רבינו שליט"א ביים באזוך אין דעם בנין המקוה

אידן שפירן טאקע פאר א זכי' נשגבה צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה און איבערגעבן די התחייבות שקלי הקודש, און זיך שאפן די גרעסטע סגולות פאר זרע של קיימא, ערליכע דורות, פרנסה, געזונט, גוטע שידוכים, און געבענטשט ווערן מברכות צדיק מיט אלע ברכות וישועות.

אבער אויסער דעם געלט חלק וואס דער רבי האט אויפגעפלאמט דעם גאנצן ציבור צו געבן די שקלי הקודש פאר די מקוה, איז דער רבי אויך שטארק אריינגעטון בעומק פרטי הבני' אז אלעס זאל דורכגעפירט ווערן מיט די גרעסטע מאס חומרות והידורים לטהרת ישראל, לויט די הייליגע הוראות פון מרן רבינו הק' זי"ע וועלכער האט אוועקגעשטעלט די יסודות על פי דרכי ההלכה והמציאות.

אצינד ווען מען האט צוגעגרייט דעם "מי גשמים דאך" וואס איז געבויעט לויט די ספעציעלע חומרות פון רבינו הק' זי"ע. איז דער רבי שליט"א אראפגעקומען פערזענליך אויפ'ן פלאץ צו באטראכטן די ארבעט פון דער נאנט.

דער רבי שליט"א האט טאקע אויסגעדריקט גרויס קורת רוח פון די געוואלדיגע הידורים, און האט שטארק מחזק געווען די עסקנים העוסקים במלאכת הקודש און האט זיי אנגעוואונטשן פיל ברכה והצלחה במעשי ידיהם.

## דריי מיליאן דאללער קאמפיין אונטערגענומען צו פארענדיגן דעם בנין אין גאר נאענטע חדשים

(פארזעצונג פון זייט 3)

פשוטי המון עם, צו פארזיכערן אז יעדער יחיד נעמט ארויס זיין חלק אין די געוואלדיגע מצוה נשגבה, פאר טהרת ישראל.

אין די לעצטע עטליכע יאר האבן אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר אויף די התחייבות פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א זיך שוין באשטייערט מיט א התלהבות'דיגער התרגשות און אש קודש פארן בוי פון די מקוה טהרה החדש. שווערע הונדערטער אידן זענען געקומען וצרור כספם בידם, צו ברענגען די נדבות אל הקודש פנימה און זוכה זיין צו ישועות ורפואות, ברכות והצלחה, בזכות המצוה הנשגבה.

אין די עטליכע יאר זינט כ"ק רבינו שליט"א האט געגעבען דעם התחייבות פון $1,800, זענען אנשי שלומינו עדות צו פילע ישועות נפלאות חוץ לדרך הטבע וואס מ'האט בייגעוואוינט דורך די נדבות פאר דעם הייליגן פראיעקט, וואס איז א סגולה בדוק ומנוסה פאר ישועות חוץ לדרך הטבע. יעדע שטיק צייט הערט מען דא און דארט – און פיל מער וואס מ'הערט נישט – פון אידן וועלכע זענען געהאלפן געווארן בזכות המצוה.

יעצט ווען מ'שטייט ביי די לעצטע שטאפלען פון פארענדיגן דעם בנין הנהדר, פאדערט זיך נאך צו שאפן די פאנטאסטישע סומע פון 3 מיליאן דאללער, צו קענען פארזעצן מיט די הייליגע ארבעט.

**ומתן שכרה בצדו:**

אין צוגאב צו די גרויסע און הייליגע מצוה נשגבה אשר לאו בכל יומא מתרחש, צו האבן א חלק אין קדושת ישראל און הרחבת גבולי הקדושה, באקומען אלע נותנים מיט די באשטייערונג פון $1,800, א פערזענליכע מתנה פון רבינו שליט"א, א "געבענטשטע ה'" פון ריין זילבער, לשמירה ולהצלחה, וואס כידוע פלעגט דאס רבינו הק' זי"ע פארטיילן לשמירה מכל פגע ומחלה וישועה והצלחה בכל הענינים.

ווי אויך חתמ'עט דער רבי שליט"א פערזענליך אויף א ספעציעלן כתב הוקרה פאר יעדן נדיב, לאות תודה והוקרה אויף די גרויסע נדבה למען הרחבת גבולי הקדושה בקרב בית ישראל.

יעדן דינסטאג אווענט ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א נעמט אויף דעם ציבור אין וויליאמסבורג, זיצט דער חשובער עסקן מו"ה אברהם אלימלך ט"ב הי"ו בביתו נאוה קודש אויף הויז סט. און איז גרייט מיט אלע אנווייזונגען אריינצוטראגן די נדבות אל הקודש פנימה, און באקומען די דערמאנטע מתנות פון רב'ין שליט"א.

ס'איז זיכער אז די גרויסע זכותים אדירים פון הרחבת גבולי הקדושה מיד ולדורות וועט באגלייטן אלע וואס באשטייערן פאר דעם הייליגן פראיעקט למען יסוד קדושתן של ישראל.

# ריזיגע קוואנטום פון "טיילס" ווערט באשטעלט פאר'ן געברויך פון דעם בנין המקוה

בעת מיר גייען צום דרוק שלענגלט זיך שוין אויפ'ן ים דער גרויסער שיף אנגעלאדנט מיט דעם ריזיגן קוואנטום פון טיילס פאר דעם געברויך פון די מקוה.

ווען מען רעדט פון טיילס דארף מען נעמען אין באטראכט אז אין אזא פראיעקט זענען די טיילס גאר א באדייטענדער טייל פון די בוי ארבייט צוליב די גאר גרויסע קוואנטום פון טיילס וואס ווערט פארנוצט אין אזא געביידע.

זעלבסט פארשטענדליך אז עס איז נישט געווען קיין לייכטע ארבייט דאס איינהאנדלען אזויפיל טיילס פאר דעם בנין, און עס האט זיך אויסגעפעלט א לאנגע צייט פון פלאנירונג פון לאנגע חדשים מיט ספעציעלע דעזיינערס און מומחים אין דעם געביט צו פארזיכערן אז אלעם ווערט צוגעשטעלט דאס בעסטע, שענסטע, און באקוועמליכסטע וואס איז שייך.

צווישן די זאכן וואס מען האט געדארפט פארזיכערן איז אז די טיילס ווערן געמאכט פון א גוטן קוואליטעט וואס איז שטארק און דויערהאפטיג, ווי אויך עס זאל זיין גרינג צו וואשן, און עס זאל זיך שטענדיג האלטן ציכטיג ריין. באזונדער האבן ספעציעלע דעזיינערס אויסגעארבעט פון פאראויס די ספעציעלע דעזיינס פון די אלע טיילס אויף די ווענט און אויף דער ערד.

ועל כולם האט מען געארבעט און ב"ה מצליח געווען צו קענען באקומען דאס וואס מען האט געזוכט פאר די צוגענגליכסטע פרייזן, כדי נישט ח"ו צו באלעסטיגן דעם ציבור מיט איבריגע הוצאות.

די טיילס זענען פראדוצירט געווארן אין אויסלאנד פון וואו עס איז אין די פארגאנגענע טעג ארויפגעלייגט געווארן אויפ'ן שיף, אויפ'ן וועג קיין ניו יארק וואו עס וועט בעז"ה אנקומען אין די נאנטע טעג, און דאן וועט מען בעז"ה אנהייבן די ארבייט צו ארויפלייגן די טיילס.

## מחמשה עשר באב, מאן דמוסיף יוסיף...

שטייענדיג אין די טעג פון חמשה עשר באב ווען יעדער איד גרייט זיך צו די ימי הדין און מען זוכט זכותים ארויסצוגיין זכאי בדין און צו ווערן אנגעשריבן מיט א כתיבה וחתימה טובה א גוט געבענטשט יאר מיט אלעם גוטן איז כדאי מיטצונעמען דעם זכות פון טהרתן של ישראל וואס וועט זיכער מכריע זיין את האדם לכף זכות ביום דין.

ווי עס גיט אונז איבער דער געטרייער עסקן לטובת המקוה ר' אברהם אלימלך טייטלבוים הי"ו, הערט ער כסדר צוריק פון אידן וואס זעען אויסטערלישע ישועות דורכ'ן שטיצן די מקוה, אבער נאכמער פון דעם איז אינטערסאנט אנצומערקן אז פילע אידן וועלכע האבן שוין לאנג אויסגעצאלט זייער התחייבות פון $1800 טוען כסדר מוסיף זיין הוספות, פילנדיג אז דאס איז א שמירה וואס באגלייט זיי אין אלע זייערע וועגן.

שטייענדיג אין א צייט וואס מען איז אנגעוויזן אויף פרישע געלטער צו קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש, האפן די עסקנים אז די הארציגע אידן וועלן מוסיף זיין שיינע הוספות צום נדבה, און וועלן זיך איינהאנדלען ישועות בלי גבולים, ובפרט יעצט ווען מען גרייט זיך צו די ימי הרחמים והסליחות, וואס כידוע איז דער צדקה א געוואלדיגער תיקון אויף אלע כתמי הנפש, און עס איז מסוגל צו העלפן יעדן איינעם בגשמיות וברוחניות.



# בואו חשבון:

## דער סך הכל פון דעם בנין מפואר לטהרתן של ישראל

הוצאות

שטח הבנין: $2,000,000

בויען דעם בנין: $6,000,000

**סך הכל: $8,000,000**

הכנסות

שקל הקודש - וויליאמסבורג: $1,800,000

שקל הקודש - קרית יואל: $1,100,000

נדבות: $2,100,000

**סך הכל: $5,000,000**

## אין די קומענדיגע חדשים מוזן מיר שאפן דעם אסטראנאמישן סכום פון:

# $3,000,000




# ושאבתם מים בש

# מקוה ישראל מושיעו

צו האבן א חלק אין בויען א **"מקוה טהרה"** איז דער
**"מעיין הישועות"** אין אלע הינזיכטן:

**דורות ישרים ומבורכים** **נחת דקדושה**

**הרחבת הדעת** **זרע של קיימא**

**רפואה שלימה** **פרנסה בניקל**

**חיי אריכי** **ומזוני רויחי**

על ידי זכות המקוה מושיע הקב"ה לישראל בכל צרכיהם לפרנסה ולחשוכי בנים ר"ל,
כדכתיב (ירמי' יד ח) מקוה ישראל ה' מושיעו, שבזכות המקוה יושיע הקב"ה לישראל.
(מגן אברהם תנינא רמזי אחש"פ)

צו נעמען א חלק אין די גרויסע מצוה קען מען ארײנשיקן א טשעק
אויסגעשטעלט צו:

**Cong. Yetev Lev - Mikvah Account**

101 Broadway B01 Brooklyn NY 11211

אפצוקויפן גרויסע זכותים פון שטובער און בורות טבילה קען מען זיך ווענדן צו:

מו"ה **יואל בראווער** הי"ו אדער צו מו"ה **יעקב טעללער** הי"ו

347-385-3892 347-496-1454

ון ממעייני הישועה





# הרחבת גבולי הטהרה

## כראנאלאגישער באריכט

### איבער די מעכטיגע בוי-אקטיוויטעטן דורכאויס די לעצטע יארן

**אריינפיר:**

אריינטרעטנדיג אין די פאזע פון "גמר הבנין" נאכדעם וואס דער חלק הארי פון דעם גרויסארטיגן פראיעקט איז שוין בעז"ה אויפגעשטעלט געווארן בנדבת לבם פון אנשי שלומינו, דער גאנצער בנין שטייט שוין על מכונו איינגערישט מיט אירע בורות הטבילה און די צימערן און קארידארן. און מען גרייט זיך צו פארענדיגן די ארבעט ארויפצולייגן די שיעט-ראַק, טיילס, און אלעס ארום פון אינדרויסן און פון אינעווייניג צו קענען פארענדיגן דעם בנין.

אצינד איז די פאסיגסטע צייט זיך אפצושטעלן און געבן א רעפעראט פאר די חשובע נדיבים בעם, וועלכע האבן באשטייערט ממיטב כספם דעם הייליגן התחייבות פון "שקלי הקודש – $1,800", צו ברענגען לידיעתם וואו מ'האלט מיט דעם בנין אויף וועלכן דער ציבור קוקט ארויס בכליון עינים, ארויסצוברענגען מיט קורצע פאקטן די השתלשלות הדברים פון ווען מען האט אנגעהויבן מיט דעם הייליגן אונטערנעמונג ביז צום היינטיגן טאג וואו עס האלט דער יעצטיגער סטאטוס פון דעם מעכטיגן בנין לטהרתן של ישראל.

# דער עבר תשס"ו - תש"ע

### תשס"ו – דער צורך השעה

וויליאמסבורג איז געוואקסן... צענדליגער גאסן און געגנטער ארום ניי-וויליאמסבורג... פרישע טויזנטער משפחות אין אלע עקן פון די שטאט... דער ציבור האט זיך פארברייטערט... און קהלתינו הקדושה איז זיך צונויפגעוואקסן לשם ולתפארת אונטער די הייליגע נשיאות פון כ"ק מרן הגה"ק שליט"א, מיט טויזנטער מיטגלידער יראים ושלמים לדבר ה' ותורתו.

מיט דעם וואוקס פון די שטאט און די קהלה קדושה איז נאטורליך אויך מיטגעקומען דער געברויך און צורך השעה צו פארפיגן אויף דעם סאמע יסוד קדושתן של ישראל, וואס זאל שטיין אונטער א שטרענגע, שטענדיגע און אחריות'דיגע השגחה, מיט די מערסטע הידורים און חומרות על פי היסודות פון מרן רבינו הק' זי"ע דער מייסד הקהלה ועמוד טהרתן של ישראל.

### איש על העדה – הגה"צ דער רב שליט"א בראש הפעולה

בהצנע לכת, מיט שטילע אבער ווייטגרייכענדע פעולות להרחבת גבולי הטהרה, האט זיך ארייגעווארפן בראש הפעולה כבוד הגאון הצדיק המפורסם אבד"ק ור"מ דקהלתינו שליט"א, און מיט די הילף פון א גרופע גאר חשובע עסקנים האט מען געטוהן די פארלאנגטע השתדלות לקדושתן של ישראל.

כאטש די קהלה קדושה איז אין יענע זמנים געשטאנען אין

אנדערע ברייט-פארצווייגטע פראיעקטן פון התחדשות הקהלה והמוסדות, דאך איז מען ארייגעשפרינגען אין דעם געוואלדיגן מאסן פראיעקט ליסוד קדושתן של ישראל, ווען בראש פון דעם גאנצן פראיעקט שטייט דער רב שליט"א צו באגלייטן די עבודת הקודש מדי יום ביומו און אנפירן דעם שווערן און אחריות'דיגן עול אהערצושטעלן דעם תכלית ההידור והשלימות אין כשרות א.א.וו.

## כסלו תשס"ח – בשורה טובה תדשן עצם

נאך מיט העכער דריי יאר צוריק, ראש חודש כסלו תשס"ח, האט דער רב שליט"א אין זיינע דברי תורה ביי סעודה שלישית אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג, זיך געווענדן צום ציבור מיט די בשורה טובה איבער די פלענער פון הרחבת גבולי הטהרה, און געבעטן דעם ציבור צו שטיין צו הילף מיט שיינע סכומים.

באגלייט בברכת הקודש פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, האט מען זיך באלד ארייגעלייגט צו טרעפן א פאסיג ארט וואס זאל זיין געאייגנט און צוגעשטעלט פאר דעם באנוץ, ביז מ'האט בעז"ה ערהאלטן א בנין אויף וואלווארט סט. ביי פלאשינג עוו. וואו מ'האט געפלאנט צו אנהייבן מיט די בוי פלענער.

דער רב שליט"א איז אין יענע וואכן געפארן באזוכן ביי עטליכע נגידים אין די שטאט וויען, עסטרייך, וואו מ'האט געשאפן גרויסע נדבות לטובת דעם נייעם בנין לטהרתן של ישראל.

## כל התחלות קשות

ווי יעדע גוטע זאך וואס קומט אן שווער, זענען אונטערגעקומען פארשידענע לעגאלע פראבלעמען וואס האט פארשווערט די ארבעט צו קענען אנהייבן טוהן די בוי ארבעט, ביז מ'האט זיך דערזען צוריק ביים אנהויב, איז מוחלט געווארן צו זוכן א צווייט פלאץ, וואו מ'זאל באלד קענען צוטרעטן צו די ארבעט.

יעצט קען מען שוין דערציילן אין פריידן, אין יענע וואכן האט אויסגעקוקט ווי די גאנצע הארעוואניע גייט לריק, מ'האט געהאט עגמת נפש און צער אז נאך אזא שווערע ארבעט, און פאר אזא הייליגע מטרה זאל מען נישט קענען אנהייבן מיט די בוי ארבעט ווי געפלאנט.

דער רב שליט"א האט זיך געשטעלט כגיבור חלוץ פאר די גרופע עסקנים, זיי מחזק און מעודד געווען, אז די שוועריקייטן וועלן אריבערגיין כחלום יעוף, און גרויס וועט זיין דער שכר פון די מזכי את הרבים, די חשובע עסקנים וועלכע לייגן אריין כח און מח אהערצושטעלן אזא גרויסן פראיעקט לטובת הציבור.

## אדר תשס"ח – ס'שטעלט זיך ארויס לטובה...

אבער "מעז יצא מתוק", פון די אלע עגמת נפש האט זיך ארויסגעשטעלט געווי דאס פארקערטע. צוליב די לעגאלע פראבלעמען וואס זענען אונטערגעקומען ביים ערשטן פלאץ, איז מען געווען געצווינגען צו זוכן א צווייטן שטח, וואס האט זיך ארויסגעשטעלט למעשה צו זיין, פיל גרעסער, באקוועמער, און מער פאסיג פאר דעם צוועק.

בזכותו של אותו זקן רבינו הק' זי"ע, איז בסייעתא דשמיא געלונגען צו טרעפן א געוואלדיגן פלאץ, גאר גרויס אין שטח, אויף א באשיידענעם ארט, גוט בגשמיות וברוחניות, וואו ס'ווערט אוועקגעשטעלט דער יסוד לקדושת ישראל.

ביים ענדע פון דעם חודש השמחה, חודש אדר תשס"ח האט מען ערהאלטן דעם נייעם שטח, באלד האט מען זיך פון פריש אריינגעווארפן מיט מער פלייס און ערערגיע צו ענדיגן די פלענער ווי אמשנעלסטן, צו קענען צוטרעטן צו די בוי ארבעט אזוי שנעל ווי מעגליך.

## קי'ץ תשס"ח - הכנה למצוה...

תיכף נאך פסח האט זיך אנגעהויבן די שווערע ארבייט פון אויספלאנירן דעם גאנצן פראיעקט, צוצוגרייטן אלע פלענער פון פאראויס מיט די גרעסטע מומחים אז אלעס זאל קלאפן טויזנט פראצענט, סיי אין חלק ההלכה און סיי פונעם פראקטישן שטאנדפונקט.

די עסקנים האבן זיך צוזאם געזעצט מיט בוי ארכיטעקטן אויסצוארבעטן די ארכיטעקטשועל און דעזיין פלענער, ארבעטנדיג האנט ביי האנט מיט לאנגיעריגע מומחים אויפ'ן געביט פון מקוואות ובראשם הרה"ג ר' יצחק (איטשע) וואלף טריגער שליט"א וועלכער האט געארבעט יומם ולילה למען הצלחת המקוה, ווי אויך הרה"ג ר' חיים קלמן קליין שליט"א פון קרית יואל וועלכער איז באקאנט אלס דער יחיד מומחה בעניני מקוואות וועלכע האבן אויסגעארבעט די פלענער אינאיינעם מיט'ן רב שליט"א.

הונדערטער שעה'ן זענען אריינגעלייגט געווארן איבערצוגיין אלע דעטאלן וואו מ'קען בויען שענער, פראקטישער, און באקוועמער, מיט אלע חומרות אין הידורים. באזונדער זענען די חשוב'ע רבנים שליט"א געזעסן אינאיינעם בבית הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א וואו מען איז דורכגעגאנגען אלע חומרות והידורים וואס ווערן איינגעשטעלט אין דעם פראיעקט.

די אלע זאכן האט פארנומען אסאך חדשים מיה און שווערע הארעוואניע. אין לויף פון די צייט האט דער רב שליט"א באזוכט אין אסאך מקואות איבער ניו יארק און זיך אומגעקוקט אין אנדערע פלעצער צו זען מיט וואס מ'קען פארבעסערן און צולייגן צום שלימות פון דעם נייעם פראיעקט.

## חשון תשס"ט – דער שטח ווערט גרייט

טראץ וואס מען האט שוין אפגעקויפט דעם באדן פאר די געביידע דעם פארגאנגענעם חודש אדר, איז אבער דער באדן ערשט געווארן גרייט צום באנוץ, אין חודש חשון תשס"ט ווען דער אלטער טענענט האט פארלאזט דאס פלאץ, און אזוי ארום האט מען זיך געקענט רישן צוצוטרעטן צו די ערשטע שטאפלען פון די



מען צעווארפט דעם אלטן געביידע



דער גאנצער בנין איז שוין אראפגעווארפן



מען הייבט אן צו גראבן אויף דעם שטח



**צענטראלע סעודת הודאה אין לאנדאן תשס"ט אין גרויסן סאטמאר'ן בית המדרש ווערט געזען הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א ביי זיין דרשה במעמד רבני העיר שליט"א אויף די אונטערשטע שורה ווערן געזעהן די ראשי קהילתינו הק' פון לאנדאן**

בוי ארבעט אויף דעם מקום מוכשר לטהרה.

אין די זעלבע צייט זענען די בוי פלענער פארטיג געווארן, און מען האט זיך אריינגעווארפן אין די ארבעט צו אנגרייטן אלע פערמיטן צום בויען, אז מען זאל קענען צוטרעטן צו די בוי ארבעט.

עס שרייבט זיך טאקע גרינג ווען מען האלט שוין ב"ה דערנאך, ווען מען האט בעז"ה ערהאלטן די אלע נויטיגע פערמיטן, אבער ווער עס איז אביסל באקאנט מיט די שווערע ביוראקראטיע וואס מען דארף אריבערגיין ביז מען דערזעט זיך מיט א פערמיט פאר אזא הייליגן אונטערנעמונג, ווייסט אז דאס איז פון די עבודות הקשות שבמקדש... אבער בסייעתא דשמיא מיט די הילף פון חשוב'ע עסקנים האט מען ביז א קורצע צייט ערהאלטן די פערמיטן צום בויען.

## כסלו תשס"ט – דער באזוך אין לאנדאן

כ"א כסלו תשס"ט האט דער רב שליט"א באזוכט אין לאנדאן, וואו ער איז נתכבד געווארן אלס "נואם הכבוד" ביים צענטראלן סעודת הודאה להצלת רבינו הק' זי"ע ביי קהל חסידי סאטמאר אין די עיר הבירה לאנדאן ווי איך איז די רב שליט"א דארט געווען אויף שב"ק פ' וישב. דער רב שליט"א האט דאן משמיע געווען א הערליכע דרשה, מתובל מיט רעיונות נשגבות ממשנתו פון רבינו הק' זי"ע און די הייליגע יסודות וואס דער רבי זי"ע האט אראפגעשטעלט לדורות עולם צו זיין ראוי צו ווערן אנגערופן א סאטמארער תלמיד, מיט די אמונה טהורה און השקפה ברורה מיט התנזרות מרשעים והתחברות לכח קדושה, בתורה ויראה טהורה. די דרשה האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג ביים היימישן ציבור אין אייראפא.

זייענדיג אין לאנדאן האט דער רב שליט"א אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באזוכן געצייליטע נגידים לטובת דעם פרישן פראיעקט, להרחבת גבולי הטהרה בישראל.

## טבת תשס"ט – צעוואַרפן דעם אלטן געביידע

ווען מען האט שוין ערהאלטן די נויטיגע פערמיטן האט מען זיך תיכף ומיד גענומען צו די עבודת הקודש, וואס די ערשטע זאך איז געווען דאס אראפווארפן די אלטע געביידעס וואס זענען געשטאנען אויף דעם שטח.

ווען מען האט אפגעקויפט דעם שטח, זענען דאן געשטאנען דערויף דריי אלטע קאמערציאלע בנינים וואס דאס האט מען צום ערשט געמוזט איינווארפן, און דערנאך האט מען געקענט צוגרייטן דעם באדן צו בויען דעם נייעם בנין.

## ל"ג בעומר תשס"ט – דער כרוז הקודש

אין דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר ווען כלל ישראל זינגט מיט התלהבות אלס שבח אויף התנא האלקי רשב"י דעם באקאנטן חרוז "טיהר את עיר טבריא עשה אותה נקיה" – האט דער מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א מכריז געווען אין די דברות קודש ביים שולחן הטהור אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג, און אפעלירט צום ציבור איבער דעם חובת השעה און דער "התחייבות שקלי הקודש" אין סכום פון אכצן הונדערט דאללער ($1,800) למען יסוד קודשתן של ישראל.

א חרדת קודש האט געהערשט אין גאנצן היכל הביהמ"ד ווען דער רבי שליט"א האט הארציג געבעטן דעם ציבור, אז למען יסוד קודשתן של ישראל פאדערט זיך יעצט א הון תועפות, און דער גאנצער ציבור, אלע תושבי וויליאמסבורג, בלי שום יוצא מן הכלל, מוזן נעמען א חלק אין קודשתן של ישראל, און געבן דעם באשטימטן סכום פון אכצן הונדערט דאלער ($1,800), איש בל יעדר.

די הייליגע ווערטער האבן ערקלערט פאר'ן ברייטן ציבור אז אט האלט מען שוין ביי די סאמע פאזעס פון הרחבת גבולי הקדושה והטהרה אין וויליאמסבורג, די שווערע הארוואניע וואס דער רב שליט"א און די געטרייע וועד העסקנים לייגן שוין אריין עטליכע יאר, ווערט שוין בעז"ה א נאענטע ווירקליכקייט, מ'פארלאנגט שוין אן התחייבות, און אט אט הייבט מען אן די ארבעט לשמחת לב כל יראי ה'.

## כ"ק מרן רבינו שליט"א: מצוה בו יותר מבשלוחו

כדי צו שאפן די נויטיגע סכומים בעת מ'האט זיך געגרייט אנצוהייבן מיט די ערשטע פאזעס פון הרחבת גבולי הקדושה, האט

דער רבי שליט"א מכריז געווען ביי די דברות קודש, אז למען נחיצות הענין וועט ער ספעציעל מייחד זיין איין טאג אין די קומענדיגע טעג ווען ער וועט פערזענליך אריינקומען קיין וויליאמסבורג, כדי איבערצונעמען די "התחייבות שקלי הקודש" פאר קדושתן של ישראל.

בלשון קדשו האט דער רבי שליט"א געזאגט: "מצוה בו יותר מבשלוחו". - איך וועל אי"ה אליינס אריינקומען דא אין שטאט כדי איבערצונעמען דאס געלט, איך וועל מייחד זיין א טאג צו נעמען געלט – "שקלי הקודש" פאר קדושתן של ישראל.

אין קורצע ווערטער האט דער רבי שליט"א צוגעגעבן: "דאס ענין איז א סגולה בדוקה, געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, און מיט אלע אנדערע ענינים".

## אסיפות עסקנים בבית הגה"צ אבד"ק שליט"א

ווי נאר דער כרוז הקודש איז יצא מאת המלך וואו דער רבי שליט"א האט אויפגעפאדערט דעם ציבור מיט דעם "התחייבות שקלי הקודש" $1,800, האט דער רב שליט"א גערופן עטליכע אסיפות פון חשובע עסקנים, בביתו נאוה אויף ווילסאן סט., וואו מ'האט אויסגעשמועסט אלע פרטים פון די אקציע, צו פארזיכערן דעם פולשטענדיגן סוקסעס להרחבת גבולי הקדושה.

דער רב שליט"א האט ביי יענע אסיפה משמיע געווען דעם חובת השעה, דער צורך הזמן און חובת הציבור וואס האט געברענגט אז מ'זאל זיך נעמען צו דעם אונטערנעמונג, און אפעלירט צו די חשובע עסקנים ארויסצוהעלפן אין די הייליגע אקציע, דורך אנרופן באקאנטע און זיי אויפפאדערן צו די התחייבות "שקלי הקודש".

## פעולות נשגבות להרחיב גבולי הטהרה

דער רב שליט"א זייענדיג אריינגעטוהן ראשו ורובו אין דעם גראנדיעזן פראיעקט, איז ער מרבה פארשידענע פעלים נשגבים צו שאפן די נויטיגע פאנדן. עס ווערט אנגעארדשירט עטליכע מסיבות אין שטובער פון אברכים יקרים וואו עס זענען זיך משתתף די ידידים וחבירים, מערערע אסיפות בביתו פון רב שליט"א, אסאך באזוכן פערזענליך ביי נגידים בעם און בעלי יכולת, דער רב שליט"א זאגט א דרשה אין היכל הכולל תורה ויראה, א דרשה פאר די מרביצי תורה שליט"א, א.א.וו. אויף פארשידענע פראנטן צו שאפן גרויסע געלטער לטובת הענין.

## יום המיוחס – ראש חודש סיון תשס"ט

"אשהויי מצוה לא משהינן" – נישט אפצולייגן די גרויסע מצוה אויף א לענגערע צייט, האט דער רבי שליט"א באלד מייחד געווען דעם טאג, דעם פאלגענדן זונטאג פר' נשא, לס' "וכל תרומה לכל קדשי בני ישראל", ראש חודש סיון תשס"ט, ווען דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען ווילן אין חדרו הפרטי אין ביהמ"ד הגדול אויף הופפער סטריט, וואו דער ציבור איז אריבער כבקרת רועה עדרו איבערגעבן די נדבות "התחייבות שקלי הקודש" $1,800 לתוך ידיו הקדושות פון רבי'ן שליט"א, און באקומען מלא חפניים ברכות צדיק בזכות המצוה הגדולה והקדושה להרבות בקדושת ישראל.

## מי כעמך ישראל!

ווען מ'דערמאנט זיך צוריק איבער יענעם "יום המיוחס" קומט טרערן אין די אויגן... פון די אנהויב אווענט שעה'ן האט זיך געטוהן אן אומגלויבליכער אַנלויף פון שווערע הונדערטער אנשי שלומינו וועלכע זענען געשטאנען לאנגע שעות אין די שורה צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה איבערצוגעבן "שקלי הקודש $1800" לתוך ידיו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

לאַנגשטרעקיגע רייעס פון נדיבים זקנים עם נערים האט זיך געשלענגלט ביז דער רבי שליט"א האט געמוזט איבערהאקן צו תפלת ערבית בחצות לילה; ס'איז געווען א אומגלויבליכער מחזה הוד צו זען ווי אידן "שטופן זיך" צו קענען "געבן געלט", ס'איז געווען א לעכטיגער בילד ווי שווערע הונדערטער אידן קומען מיט א התלהבות'דיגער התרגשות און אש קודש, כדי איבערצוגעבן דעם התחייבות "שקלי הקודש" וואס דער רבי שליט"א האט געבעטן בלויז מיט א וואך פריער פאר די פרישע אונטערנעמונג למען הרחבת גבולי הקדושה.

## וואסף איש טהור

אין לויף פון די העכער אכט שעה, בלי שום גוזמא, פון 5:00 אווענט ביז שפעט נאך חצות הלילה, מיט א קורצע הפסקה צו תפלת מנחה, איז דער רבי שליט"א געזיצן אויף זיין כסא מיוחד אין חדרו הפרטי, ולידו בנו בכורו כבוד הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א, און אויפגענומען דעם ציבור. "והם הביאו אליו נדבה", איינציגווייז זענען די חסידים אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה איבערגעגעבן די נדבות לתוך ידיו הקדושות פון רבי'ן שליט"א, און זיך מזכיר געווען להפקד בדבר ישועה ורחמים, בברכת הצדיק האמורה מפי אהר"ן בזכות המצוה הנשגבה.

וואס א מינוט שפעטער אין אווענט איז די שורה געווארן פילער און געדעכטער, דער ציבור איז געוואקסן און די נותנים זענען געקומען צו לויפן אין די מאסן, געבן געלט, נעמען ברכות, כאפן הבטחות און ישועות, ס'איז לילה כיום יאיר, אידן שטייען לאנגע שעה'ן אין די רייע צו איבערגעבן דעם תרומת הקודש, וואס האט אזוי אנגעהאלטן ביז דער זייגער האט געקלאפט אויף 1:00 כחצות הלילה.

זקנים עם נערים, אינגע און אלטע, זקני ופארי הקהלה, נכבדים ושועים, בעלי בתים נכבדים וועלכע זענען נאך אויסגעוואקסן בבית מדרשו פון רבינו הק' והטהור זי"ע, אברכים יקרים וועלכע האבן געהאט די זכי' לאנגע יארן זיך צו ווייקן במחיצתו פון מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, און אינגע אינגעלייט וועלכע זענען שוין נתגדל געווארן על ברכיו פון רבינו שליט"א, אלע זענען געקומען אל הקודש פנימה, ליתן את תרומת ה', ולא ניכר שוע לפני דל, יעדער איז געווארן אויפגענומען בשמחה ואהבה עזה, למען יסוד קדושתן של ישראל.




# כתיבה וחתימה טובה...

ווען איר גייט אריין זיך געזעגענען בקו"פ ביי רבינו שליט"א לקראת די ימי הרחמים והרצון

מאכט זיכער אויסצוצאלן דעם גאנצן

**"התחייבות שקלי הקודש" פון $1800**

און באקומט א כתב קבלה (רעסיט) אונטערגעשריבן בכתי"ק פון רבינו שליט"א,
א שטר זכות וואס וועט אייך צוניץ קומען אין די הייליגע טעג,
אינאיינעם מיט א געבענטשטע "ה'" לשמירה ולהצלחה בכל הענינים



כ"ק מרן רבינו
שליט"א ביים באזוך
אין דעם בנין המקוה
עש"ק פ' קרח
העעל"ט





דער רבי באטראכט
דעם ספעציעלן
'גשמים דאַך'



הגה"צ ר' נפתלי הירצקא צוויבל ראה"כ, הגה"צ דער רב שליט"א, ר'
שמואל זאנוויל פאלאטשעק, הגה"צ אפרים שמעון לייכטאג דומ"ץ
15 עוו, הרה"ג ר' חיים קלמן קליין, הגה"צ ר' משה פר"מ דומ"ץ ב"פ



הרבנים הגאונים דייני קהילתינו שליט"א
באזוכן אין די מקוה





הגאון האדיר
דומ"ץ קרית יואל
שליט"א בעל
אגלי דבש גיבט
אנווייזונגען כפי
הוראות מרן
רביה"ק זי"ע









הגה"צ דער רב שליט"א אינאיינעם מיט די רבנים ומומחים ביים געבן די השגחה בשעת'ן גראבן דעם קוואל און אריינלייגן די צינורות





כ"ק מרן גאב"ד ירושלים שליט"א
אנקומענדיג אויף א באזוך אין די מקוה





הגה"צ גאב"ד אנטווערפן שליט"א באזוכט אין
דעם בנין המקוה און באטראכט די בוי פלענער








הגה"צ ר' אברהם צבי הלוי וואזנער שליט"א אבד"ק קהילתינו הק' מאנסי יצ"ו דורכגייענדיג אלע פרטי הלכה פון די בוי ארבעט









די לאנגיעריגע מומחים  הרה"ג ר' יצחק (איטשע) וואלף טריגער שליט"א און הרה"ג ר' חיים קלמן קליין שליט"א זענען עוסק להצלחת המקוה

## כתב אשר נכתב בשם המלך ונחתום בטבעת המלך

איינציגוויז זענען די חשובע נותנים אריין אל הקודש פנימה, דער רבי שליט"א האט בצהלת פנים אפגענומען די נתינות, און בקול רגש אנגעווינטשן פאר יעדן באזונדער, להתברך בכל משאלות לבבו לטוב, אין זכות פון די גרויסע און הייליגע מצוה נשגבה אשר לאו בכל יומא מתרחש, צו האבן א חלק אין קדושת ישראל און הרחבת גבולי הקדושה זאל מגין זיין לדבר ישועה ורחמים, בני חיי ומזוני רויחי, וכל טוב לנצח.

אלע נותנים וועלכע האבן באשטייערט דעם גאנצן "התחייבות שקלי הקודש" אין סכום פון $1,800, האבן באלד באקומען פון רבי'ן שליט"א א פערזענליכע מתנה, א "געבענטשטע ה'" לשמירה ולהצלחה, וואס כידוע פלעגט דאס רבינו הק' זי"ע פארטיילן לשמירה מכל פגע ומחלה וישועה והצלחה בכל הענינים.

דאן האט דער רבי שליט"א געטוהן א פרעצעדענטלאזן שריט, ווען

# מתוך דברות קודש של

# כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

מיט'ן אויבערשטן'ס הילף הייבן מיר אן א ענין פאר יסוד קדושתן של ישראל, דאס דארף אפקאסטן א ים מיט געלט, א הון תועפות, אבער מ'האפט אז צווישן ציבור וועלן זיך טרעפן מתנדבים בעם, וואס זיי פארשטייען וואס מיינט קדושת ישראל, זיי פארשטייען וואס מיינט הייליגקייט פון א איד, זיי זענען משיג וואס דאס מיינט.



איך וויל בעטן יעדער זאל נעמען א חלק אין קדושתן של ישראל, יעדער איד זאל געבן אכצן הונדערט דאלער ($1,800) פאר קדושת ישראל.

איך פארשטיי אז נישט יעדער קען דאס געבן אויף איינמאל, אבער יעדער איד אשר בשם ישראל יכונה, וואס ער האלט די תורה הק', פארשטייט און ווייסט וואס דאס מיינט.

דאס ענין איז א סגולה בדוקה, געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, און מיט אלע אנדערע ענינים. השי"ת יצליח דרכנו, מ'דארף באזונדערע סייעתא דשמיא דערפאר, והקב"ה יעזרנו על דבר כבוד שמו יתברך.

(ל"ג בעומר תשס"ט)



ער האט פערזענליך גע'חתמ'עט אויף א ספעציעל-געדריקטן כתב הוקרה (רעסיט) פאר יעדן נדיב, לאות תודה והוקרה אויף די גרויסע נדבה למען הרחבת גבולי הקדושה בקרב בית ישראל.

## הוסיף יום אחד!

זעענדיג אז ס'נעמט נישט קיין עק, דא האלט מען שוין לאנג נאך חצות לילה און דער ציבור שטראמט אין גרויסן, איז מען געווען געצווינגען איבערצוהאקן דעם מאמענט, און באלד בהסכמתו פון רבי'ן שליט"א באשמימט אז מ'וועט מקיים זיין דעם "ינתן גם מחר", צו געבן נאך א געלעגנהייט נאך בעפאר דעם יו"ט שבועות צו קענען איבערגעבן די תרומת הקודש פארן רבי'ן שליט"א.

למחרתו מאנטאג איז באקאנט געווארן די מעלדונגען, אונטערן קעפל "הוסיף יום אחד", אז נאך דעם אומגלויבליכן געשעעניש וועו הונדערטער אידן זענען געקומען זיך משתתף זיין לאור קריאת הקודש פון רבי'ן שליט"א, וואס האט אנגעהאלטן לאנגע שעה'ן, וועט דער רבי שליט"א ספעציעל אריינקומען דינסטאג אוונט, עטליכע שעה פריער ווי געווענליך, און אפנעמען די התחייבות "שקלי הקודש" אין בית המדרש הגדול.

"והם הביאו אליו עוד נדבה", כמעשהו בראשון כך מעשהו בשלישי, אויך דינסטאג אוונט האט אנגעהאלטן דער התלהבות ביים ציבור צו קומען איבערגעבן די תרומת ה', דער ריזן פלייץ האט נישט נאכגעלאזט, און דער עלישער פייער פון התרגשות און קדושה פנימיות וואס דער רבי שליט"א האט אנגעצינדן למען הרחבת גבולי הקדושה, האט אנגעהאלטן אויף לאנגע שעות. והם הביאו אליו עוד נדבה, הונדערטער אידן זענען פון פריש געשטאנען אין די לאנגע רייע, "וצרור כספם בידם", צו קענען איבערגעבן די נדבה פארן רבי'ן שליט"א און האבן די זכי' צו זיין פון די משתתפים לדבר מצוה נשגבה.

## מרבים העם להביא

זינט דאן, אין לויף פון די פאלגענדע חדשים, האבן די עסקנים באשטימט אסאך געלעגנהייטן וועו דער ציבור האט געקענט אריינגיין אל הקודש פנימה איבערצוגעבן די שקלי הקודש.

אידן האבן געשפירט פאר א זכי' נשגבה צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה און איבערגעבן די התחייבות שקלי הקודש, און זיך שאפן די גרעסטע סגולות פאר זרע של קיימא, ערליכע דורות, פרנסה, געזונט, גוטע שידוכים, און געבענטשט ווערן מברכות צדיק מיט אלע ברכות וישועות.

## חיזוק ועידוד פאר די עסקנים

דער ריזן באטייליגטער ציבור וועלכע האבן מנדב געווען פאר די "התחייבות שקלי הקודש" איז געווען די גרעסטע חיזוק ועידוד פאר די עוסקים במלאכת הקודש, ובפרט פאר'ן רב שליט"א, וועלכער איז עומד על משמרת הקודש צו באגלייטן די עבודת הקודש אין די הייליגע אונטערנעמונג.

## לנצח על מלאכת בית ה'

אין שפיץ פון דעם גאנצן פראיעקט איז דאן געווארן אויפגענומען הרבני החסיד החשוב מו"ה שמואל זאנוויל פלאטשעק הי"ו, דער עוסק במלאכת מחשבת בדעת ובתבונה וועלכער איז געווען מראשי הבונים בעת מ'האט עוסק געווען אין הרחבת גבולי הקדושה אין די עיר גדולה לאלקים קרית יואל, און האט לאנגע יארן עקספערטיז אין דעם געביט.

לאנגע חדשים בעפאר מ'האט אנגעהויבן מיט די בוי ארבעט האט מו"ה שמואל זאנוויל הי"ו עוסק געווען אין די צוגרייטונגען, מיט אומערמידליכע כוחות איז ער געשטאנען אין שפיץ איבער די לעגאלע פערמיטן, און איז געווען אין שטענדיגן קאנטאקט מיטן רב שליט"א און די חשובע מורי הוראה פון די קהלה, אז אלעס זאל זיין צוגעגרייט אויפן בעסטן פארנעם ברוחנית ובגשמיות, און מ'זאל באלד קענען צוטרעטן צום יציקת הבורות.

## רבנים ומומחים שליט"א באוואונדערן דאס פלאץ

באלד נאך יו"ט שבועות תשס"ט האט מען אויסגעגראבן דעם אלטן בנין, מ'האט צוגעגרייט דעם באדן צו קענען גיסן די בורות און גראבן דעם קוואל.

דער רב שליט"א האט אין יענע חדשים פארבעטן מערערע רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א פארי עדת ישורון וועלכע שטייען אין שפיץ פון קהלות קדושות בישראל, צו קומען באזוכן דאס פלאץ, צו זען די געוואלדיגע סייעתא דשמיא פון די הרחבת גבולי הטהרה בישראל. די רבנים שליט"א האבן אלע אויסגעדריקט התפעלות איבער די שטארקע דערגרייכונג ביז אהער, און געווינטן ברכה והצלחה אין דעם הייליגן אונטערנעמונג למען קדושת ישראל.

## תמוז תשס"ט – מ'גרייט זיך צו גראבן דעם קוואל

איידער מען האט זיך געגרייט אין א מזל'דיגע שעה צו גראבן דעם קוואל אויפ'ן שטח, האט דאן דער רב שליט"א פאררופן אן אסיפה ביי זיך אין שטוב, וואו עס זענען איינגעלאדענט געווארן אלע דיינים און מורי הוראה דקהילתינו הק' איבערצוגיין אלע דעטאלן פון דעם הייליגן אונטערנעמונג וואס מען גרייט זיך אנצוהייבן צו גראבן.

ביי די אסיפה זענען אויך אנוועזנד געווען הרה"ג ר' חיים קלמן קליין שליט"א מיט הרה"ג ר' איטשע וואלף טריגער שליט"א וועלכע האבן במשך די פריערדיגע חדשים עוסק געווען אין דעם פראיעקט, און זיי האבן איבערגעגעבן פאר די חשוב'ע דיינים שליט"א די פונקטליכע דעטאלן פון דעם גאנצן פראיעקט.



## הידורים וחומרות פון רבינו הק' זי"ע

ווי נאר מ'האט זיך געגרייט צו גראבן דעם קוואל, איז יעדע דעטאל געווארן איבערגעשמועסט מיט גדולי הוראה, ובראשם הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א בעל שו"ת אגלי דבש, מפארי התלמידים המובהקים פון מרן רבינו הק' והטהור זי"ע, און נאך רבנים גדולי תורה והוראה שליט"א, וועלכע זענען מומחים און בקיאים אין געביט פון בויען מקוואות, צו פארזיכערן אז אלעס ווערט געטוהן על פי דקדוק ההלכה כראוי וכיאות מיט פראקטישע און הלכה'דיגע אנווייזונגען אויף יעדן פרט.

ועל כולם ווערט יעדע פרט להלכה והוראה איבערגעשמועסט מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א, און על פי הדרכתו ווערט די עבודת הקודש פארגעזעצט לטהרתן של ישראל, מיט די גרעסטע מאס חומרות והידורים לטהרת ישראל, לויט די הייליגע הוראות פון מרן רבינו הק' זי"ע וועלכער האט אוועקגעשטעלט די יסודות על פי דרכי ההלכה והמציאות, קדושה ראשונה קדושה לשעתו ולעתיד.

## חודש אב – מצאנו מים!

אין די נאכפאלגענדע טעג האט מען טאקע געגראבן דעם קוואל, און בסייעתא דשמיא איז ב"ה געלונגען צו טרעפן א קוואל, וואס ס'גיבט ארויס קלארע שפרידלדיגע וואסער, באר מים חיים נוזלים, כמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו.

מערערע רבנים ומורי צדק שליט"א ווי אויך הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א זענען ספעציעל אראפגעקומען צו זיין מפקח אויף די גרויסע מציאה, און באשטעטיגן דעם פונקטליכן פראצעדור מיט דעם שפרידלדיגן קוואל, באר מים חיים.

די רבנים הגאוה"צ שליט"א וועלכע זענען ספעציעל אראפ געקומען צו באטראכטן דעם קוואל, האבן זיך נישט גענוג אפוואונדערן פון די גרויסע סייעתא דשמיא אז מ'וועט בעז"ה קענען מרחיב זיין די גבולי הטהרה אויף אזא שטארקן פארנעם, מיט די גרעסטע הידורים וואס מעגליך.

ביי די סעודת הילולא כ"ו אב תשס"ט האט כ"ק רבינו שליט"א אויסגעדריקט זיין באגייסטערונג פונעם ציבור וועלכע האבן זיך שוין אנגעשלאסן אין דעם התחייבות "שקלי הקודש". דער רבי שליט"א האט טרעפליך געזאגט:

"ב"ה מ'קען מבשר זיין א בשורה טובה. מיר האבן אנגעהויבן צו טוהן פאר יסוד קדושתן וטהרתן של ישראל, אין שטאט וויליאמסבורג. בעזר שמו יתברך קען מען יעצט מבשר זיין "מצאנו מים", מיר האבן געטראפן א מעיין, א קוואל וואסער, דאס איז זייער א גרויסע בשורה.

"ס'דערמאנט די מעשה וואס דער טאטע ז"ל ברענגט אראפ אין ברך משה (פר' בא), דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז אמאל געפארן אין א שטאט, אידן זענען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם רבי'ן ר' אלימלך, און מרוב התרגשות האבן זיי אויסגעשפאנט די פערד און די אידן האבן אליינ'ס געשטופט דעם וואגן וואו דער רבי ר' אלימלך איז געזעצן, אזוי צו פירן דעם רבי ר' אלימלך. ווען דער רבי ר' אלימלך האט דאס צוגעזעהן, איז ער ארויסגעגאנגען פון וואגן און זיך ארייגעשטעלט צווישן ציבור, ער האט געזאגט אז ער האט געזעהן אידן טוען א מצוה מיט אזא התלהבות, האט ער זיך אויך געוואלט משתתף זיין אין אזא מצוה אינאיינעם מיט כלל ישראל.

"דער טאטע ז"ל ברענגט דאס אראפ דארט אין ברך משה, און ער זאגט, הקב"ה איז דאך שומר משמרתה של תורה (ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג), דערפאר ווען השי"ת זעהט אז אידן טוען א מצוה מיט התלהבות, העלפט ער צו, דערמיט איז ער שומר משמרתה של תורה.

דא האט מען מיט א קורצע צייט צוריק אנגעהויבן בעטן געלט פון אידן. אידן האבן אריינגעברענגט אכצן הונדערט דאללער ($1,800), און נישט דייקא די נגידים, נאר אידן האבן זיך אוועקגענומען פון מויל און זיך געבארגט געלט דאס צו קענען געבן. איך בין באמת מלא התרגשות



די צוגרייטונגען צו גיסן די יסודות פון דעם בנין





ביים גיסן די צעמענטענעם פאדלאגע און צעמענטענע ווענט וועלכע דינען אלס שוץ פאר די בורות הטבילה עס זאל נישט כאפן קיין שפאלטענעס





בשעת'ן ארויפציען די שטאלענע ביימס וועלכע האלטן די געביידע



דער גאנצער שטאלענער געביידע שטייט פארטיג

צו זען אז הונדערטער אידן אן קיין גוזמא, זענען געשטאנען אין די רייע מ'זאל קענען געבן די אכצן הונדערט דאללער. ס'איז באמת אסאך געלט פאר איינעם וואס איז נישט קיין נגיד, אבער מ'האט עס געגעבן מיט א חפץ לב, צו קענען מאכן יסוד קדושתן של ישראל, און השי"ת האט צוגעזעהן ווי אידן געבן מיט א התלהבות.

"מ'האט זיך נישט געראכטן אז דארט גייט זיין א קוואל, מ'האט זיך נישט פארגעשטעלט דאס צו טרעפן, מ'האט פרובירט צו גראבן און אויף איין מאל האט מען געזעהן אז ס'איז דא א קוואל. מ'זעט אז פון הימל העלפט מען צו אידן, אידן מיינען אמת'דיג, אידן האבן עס ערליך געמיינט, איז דא סייעתא דשמיא.

"וואויל איז פאר דעם וואס ס'לייגט צו א האנט צו דעם ענין. אין די קורצע צייט האט מען שוין געזעהן ישועות, אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות, מ'האט עס געזעהן עין בעין ווי אידן וואס האבן געטוען און צוגעלייגט א האנט צו דעם זענען געהאלפן געווארן, באופן הפלא ופלא.

די דברות קודש האבן אריינגעגעבן חיזוק פארן ציבור וועלכע האבן זיך שוין געהאט משתתף געווען, און בעיקר פאר גאר א גרויסן פרישן ציבור זיך פון פריש משתתף זיין מיט די געוואלדיגע מצוה רבה ונשגבה.

## כסלו תש"ע – אז החלו לבנותו

נאך לאנגע חדשים פון פרישע אנטוויקלונגען אינערהאלב דעם בנין, האט מען מיט אנדערהאלבן יאר צוריק, בחודש כסלו תש"ע, אנגעהויבן בויען דעם בנין להרחבת גבולי הטהרה.

מ'האט אריינגעבויעט די נויטיגע שטאנגן צו אונטערהאלטן די גאס, און זיך געגרייט מיט התרגשות צו גיסן די יסודות פונעם בנין זעלבסט.

## אדר תש"ע – יציקת יסודות הבנין

נאך אזויפיל יגיעה און ערווארטונג איז ר"ח אדר אנגעקומען דער מאמענט ווען מ'האט אנגעהויבן צו גיסן די יסודות פארן בנין.

מו"ה שמואל זאנוויל פאלאטשעק הי"ו און זיין חשובער זון מו"ה מאיר יעקב הי"ו – וועלכער שטייט לימינו אין דעם גרויסן פראיעקט, און אויף זיין קאנטע איז אסאך צו פארדאנקען די שטארקע דערגרייכונגען ביז אהער – האבן אראפגעלייגט א מלאכת מחשבת אין גיסן די יסודות פאר דעם בנין, מיט אסאך מחשבה און עקספערטיז וואס איז שווער אראפצוגעבן אויף פאפיר, ווי אויסגערעכנט אלעס איז צוגעגאנגען, מיט קאפ און מח, און צו די זייט די זהירות בחלקי ההלכה, אז אלעס זאל זיין על צד היותר טוב ומועיל לתועלת הענין.

## ל"ג בעומר תש"ע – באזוך פון רבינו שליט"א

במלאת לו שנה תמימה, צום יאר נאך די דברות קודש פון רבינו שליט"א לטובת די התחייבות שקלי הקודש, האט דער רבי שליט"א פערזענליך אפגעשטאט א באזוך אינעם נארוואס-געגאסענעם בנין, וואו די עומדים על המלאכה האבן אנגעצייגט אלע פרטי הבנין, און וואו מ'רישט זיך צו גיסן די בורות טהרה.

דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט זיך ארומגעקוקט איבער דעם גאנצן פראיעקט, און געגעבן פארשידענע הוראות וואס איז נוגע צום יציקת הבורות, און געווינטשן פאר די עוסקים במלאכת הקודש פיל ברכה והצלחה במעשי ידיהם, צו מרחיב זיין די גבולי הטהרה בישראל.

## סיון תש"ע – צוגעגרייט צו יציקת הבורות

אין די טעג פון ר"ח סיון האט מען צוגעגרייט אלע צוגעהערן צו קענען גיסן די בורות הטהרה. מ'האט אריינגעצויגן דעם Cradel וואו מ'גיסט דעם בור הטבילה, דעם בור ע"ג בור, בור בצד בור, און אלעס מסדר געווען לויט די הוראות וחומרות פון רבינו הק' זי"ע, בהדרכתו פון מרן רבינו שליט"א.

## קיץ תש"ע – ארויפגעצויגן דעם סטרוקטור

ר"ח תמוז האט זיך אנגעהויבן די צווייטע פאזע פון ארויפציען דעם גאנצן סטראקטאר פונעם בנין, מ'האט ארויפגעצויגן די שטאלענע שטאנגן פון אלע



די אינעווייניגסטע ציגל ווערן ארויפגעצויגן אויף דעם בנין





מען לייגט ארויף די אויסערליכע שיכט ציגל צו פארענדיגן דעם בנין פון אינדרויסן



מען גראבט אויף אריינצוציען פלאמבינג אין די געבידע



מען אינסטאלירט די פלאמבינג



מען ציעט אריין די פלאמבינג צווישן די ווענט

# מתוך דברות קודש של

# כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

...דער פעטער ז"ל זכותו יגן עלינו האט אסאך עוסק געווען אין טהרת בני ישראל, בגופו ובממונו, ווען ס'האט אויסגעפעלט איז ער אויך געקראכן אויפן דאך, געגאנגען אין זאמד, ווען ס'האט אויפגעפעלט צו טון פאר קדושת בית ישראל.

בעזר שמו יתברך האבן מיר אנגעהויבן אין וויליאמסבורג עוסק צו זיין אין דעם ענין, ישראל קדושים הם נתבעים ונותנים, אידן האבן געגעבן געוואלדיגע גרויסע געלטער, מען האט שוין אריינגעלייגט אין דעם עסק הקודש 3 4 מיליאן דאלאר, און מען האלט נאך ווייט פון ענדיגן, איך וויל בעטן דא תושבי קרית יואל - אדער איז מען אליין א געוועזענער תושב אין וויליאמסבורג, אדער האט מען קינדער אין וויליאמסבורג, אדער אנדערע קרובים - מען זאל קומען צו הילף אין דעם ענין ביד רחבה, מען וועט אי"ה קובע זיין א זמן דא ווי יעדער וועט קענען געבן נדבת לבו הטוב פאר אזא דבר קדוש, און ס'וועט אוודאי מקוים ווערן ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה, דברים כהווייתן, דאס איז א קוואל פון ישועה פאר נצרכים, און דער אייבערשטער זאל אונז העלפן מען זאל קענען גומר זיין במוקדם. (כ"ו אב תש"ע)

די צירוף פון חודש אלול איז וצדקה תהי לנו כי נשמור לעשות זעט מען אז די ערשטע זאך פון חודש אלול איז וצדקה.

אונז בוי מיר ב"ה א מקוה אין וויליאמסבורג די מקוה וועט אי"ה זיין מיט די גרעסטע הידורים און חומרות וואס איז נאר שייך. מען האט שוין אסאך געלט אריינגעלייט אבער ס'פעלט אוים נאך. ווענדט מען זיך צו אחב"י תושבי קרית יואל אונז האב מיר אויך געבויט א מקוה דא פאר יארן צוריק און מען האט געזען אידן וואס האבן געהאלפן צו די מקוה זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות.

מלעב מיר אין א דור וואס איז א הסתר פנים מ'גלייב מיר אלע אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט אבער זאכן זענען בהסתר, אבער ביי א מקוה זעט מען בחוש אפענע זאכן. (פרקי אבות פ' ראה תש"ע)



שטאקן. דאס איז אזוי אנגעגאנגען ביז  ביז ענדע חודש אלול, דאן האט מען געגאסן די צעמענטענע פאדלאגע אויף אלע שטאקן פונעם בנין.

## אב תש"ע – א פרישער בנין

בחודש אב האט מען לתועלת הענין צוגעקויפט דעם שכינות'דיגן בנין פון 2,500 סק. פוס. וואס מיט דעם ווערט דאס גאנצע פלאץ א סך-הכל פון העכער 10,000 סק. פוס.

מיט דעם פרישן בנין איז צוגעקומען א פרישע הרחבת הדעת, וואו מ'וועט קענען מסדר זיין מער חדרים אויף איין שטאק, און באזונדער צום באקוועמען באנוץ אין אלע זמנים.

## כ"ו אב תש"ע – קריאת הקודש בק"ק קרית יואל

במקהלות רבבות אלפי ישראל ביי די סעודת הילולא פון רבינו הק' זי"ע כ"ו אב תש"ע, האט כ"ק מרן רבינו שליט"א ביים שלוס פון די דברות קודש, אויפגעפאדערט אחינו אחים לדעה תושבי קרית יואל, זיך אנצושליסן אין דעם הייליגן אונטערנעמונג למען קדושת ישראל, וואס איז מסוגל צו אלע השפעות טובות און סגולות נשגבות.

דער רבי שליט"א האט במענה רך געבעטן תושבי קרית יואל ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו אין וויליאמסבורג, און זיך משתתף זיין בעין יפה ורוח נדיבה צו די גרויסע מצוה.

## דער ווארימער אפרוף פון אחים לדעה!

דער אויסטערלישער ווארימקייט מיט וואס די תושבי קרית יואל האבן זיך אנגערופן צום קריאת הקודש פון רבינו שליט"א זיך אנשליסנדיג אין דעם שקלי הקודש קאמפיין איז געווען א געוואלדיגער קידוש ה'.

תושבי קרית יואל זענען באקאנט מיט זייער ווארעם הארץ לכל דבר שבקדושה בכלל ולכל קדשי בית סאטמאר בפרט, אצינד ווען עס האט זיך געהאנדלט פון אזא וויכטיגן ענין וואס תושבי וויליאמסבורג קוקן אזוי שטארק ארויס, האבן די אחים לדעה תושבי קרית יואל זיך אנגעגארטלט יותר מכפי יכולתם אויסצוצאלן דעם סכום פון $1800 פאר דעם וויליאמסבורגן מקוה.

עס איז געווען אן ערהאבן בילד צו זעהן ווי הונדערטער אידן שטייען אין די רייע, ארייגערעכנט אזעלכע וואס זענען מעוטי היכולת וואס האבן אראפגעציפט פון דאס ביסן פון מויל צו קענען נעמען א חלק אין אזא דבר נחוץ ליסוד קדושתן של ישראל.

כולנו בני איש אחד נחנו.

## שבת מברכין אלול – די גרעסטע זכותים צום יום הדין!

ביים שיעור אין פרקי אבות וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען יענעם שבת מברכין חודש אלול, האט דער רבי שליט"א נאכאמאל אויפגעפאדערט דעם ציבור זיך אנצושליסן מיט שיינע נדבות לטובת דעם פראיעקט.

דער רבי שליט"א האט ערווענט אז יעצט ווען מ'שטייט אין די זמני תשובה הממשמשין ובאין, און אידן דארפן זכותים פאר'ן יום הדין,איז דאס די גרעסטע זכות פון צדקה, וזרקתי עליכם מים טהורים, און ביי דעם ענין זעט מען בחוש אפענע זאכן, ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה, ס'איז א קוואל פון ישועות.

## ו' אלול תש"ע – יום שקלי הקודש

דאן איז אריין אין קראפט די אקציע אין די שטאט קרית יואל.

עס איז באשטימט געווארן דער גרויסער טאג, ו' אלול, יומא דהילולא פון מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע, אלס "יום שקלי הקודש", וואו אנשי שלומינו פון די שטאט קרית יואל, וועלכע איז ברייט באקאנט מיט איר רייכע היסטאריע פון צדקה וחסד, האבן געהאט די געלעגנהייט צו מנדב זיין לטובת דעם הייליגן פראיעקט.

א שבת בעפאר, איז דער רב שליט"א ארומגעגאנגען אין די בתי מדרשים דקהל יטב לב ד'סאטמאר אין קרית יואל, וואו ער האט אויפגעטרעטן בנועם שיח איבער די מצוה נשגבה. בליל שב"ק האט דער רב שליט"א געוויילט אין ביהמ"ד אבני צדק אין שכונת עצי תמרים, ביומא דשבתא אין ביהמ"ד הגדול, און צו ס"ג אין ביהמ"ד אוהל פיגא.

זונטאג האט דער רב שליט"א אויפגעטרעטן אין היכל הכולל, וואו ער האט גערעדט א דרשה בהלכה ואגדה מענינא דיומא פאר די רבני ולומדי הכולל, און געבעטן צו קומען לעזרתו אין דעם גרויסן פראיעקט.

דאן, מאנטאג אוונט, ביום ו' אלול האט א ריזן ציבור תושבי קרית יואל אריינגעטראגן אל הקודש פנימה צו רבינו שליט"א די התחייבות שקלי הקודש, און די אקציע איז ב"ה געווארן געקרוינט מיט גרויס הצלחה.

א באזונדערע הצלחה איז געווען אין קרית יואל, ווען עטליכע חבורות פון חשובע אברכים נדיבים האבן אינאיינעם אפגעקויפט גרויסע זכותים אינעם בנין, לזכרון בהיכל ה'.

## תשרי תשע"א – דער אויסערליכער בנין

אנהויב יאר תשע"א האט מען אנגעהויבן צו לייגן די ציגל אויפן בנין. נאך עטליכע וואכן האט מען פארענדיגט דעם גאנצן בנין פון אינדרויסן.

אינמיטן חודש חשון איז אונטערגעקומען לעגאלע שטרויכלונגען, נאכדעם וואס מ'האט געהאט א פערמיט ארויסצובויען דעם גאנצן בנין, איז נולד געווארן אז אין "קאמערשל זאונינג" קען מען נישט ארויסבויען אויפן גאנצן שטח.

מיט גרויס סייעתא דשמיא איז געווארן ערלעדיגט מיט די הילף פון געטרייע


מען גרייט צו דעם ספעציעלן גשמים דאך


געפארטיגט די אוצר המעין און אוצר הגשמים


מען שטעלט אויף די פרעימינג פון די קארידארן אין דעם בנין

עסקנים, אז מ'האט געקענט ווייטער אנגיין מיט'ן בויען.

### טבת תשע"א – פרעימינג

ווען מ'האט געקענט ווייטער אנגיין מיט די בוי ארבעט, האט מען אנגעהויבן די פרעימינג אינעם גאנצן בנין.

אין לויף פון די נאכפאלגענדע וואכן האט מען שוין געענדיגט אויספרעימען אלע שטובער, קארידארן, די בורות הטבילה, און מ'איז שוין געווארן גרייט צו לייגן די שיטראק און פארענדיגן די ארבעט.

### אדר תשע"א – פלאמבינג, הייצונג, קילינג א.א.וו.

ענדע ווינטער האט מען אנגעהויבן די פארצווייגטע פלאמבינג ארבעט אינעם גאנצן בנין, וואס דאס איז פון די הויפט ארבעט אינעם בנין און פארלאנגט א געוואלדיגע אומנות.

צו די זעלבע צייט האט מען אנגעהויבן צו אינסטאלירן דעם מעכטיגן "עיר קאנדישאן" און "הייצונג" סיסטעם, וועלכע איז ספעציעל אינסטאלירט געווארן מיט א געוואלדיגן פאכמאנישקייט אז די לופט זאל קענען אנקומען אין אלע שטובער וואס האבן נישט קיין פענסטער.

## דער הווה קיץ תשע"א

### אייר – סיון

אנהויב זומער העעל"ט האט מען פארענדיגט גיסן דער אוצר המעיין, דער אוצר מי גשמים, אינעם בנין המקוה זעלבסט, און מיט גרויס סייעתא דשמיא האט מען באזונדער פארענדיגט דעם קאמפליצירטן און מעכטיגן צעמענטענעם "גשמים דאך", וואו דאס וואסער זאל אריינפליסן אין די בורות האוצר. (זעה באזונדערע נייעס).

עש"ק פ' קרח האט כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אין דעם בנין, און איבערגעגאנגען אלע פרטים פון די אוצרות און דער "מי גשמים דאך" וואס איז געבויעט לויט די ספעציעלע חומרות פון רבינו הק' זי"ע.

דער רבי שליט"א וועלכער האלט כסדר מיט די אנטוויקלונגען און גיבט זיינע הוראות אויף טריט און שריט, האט יעצט ביים באזוך ווידעראמאל אויסגעדריקט גרויס קורת רוח פון די געוואלדיגע הידורים, און האט שטארק הנאה געהאט צו זעהן די פארשריט פון די ארבעט.

### תמוז – אב

אין די יעצטיגע וואכן ווערט דורכגעפירט די ארבייט אריינצוציען די עלעקטעריק אין דעם בנין, ווי אויך האט מען אין די לעצטע חדשים פארענדיגט דעם גאנצן אויסערליכן טייל פונעם בנין. (זעה באזונדערע נייעס).

צווישן אנדערע אינסטולאציעס האט מען אין די פאראגאנגענע וואכן אינסטאלירט די פיר גרויסע עלעוועיטארס וואס וועלן פירן פון איין שטאק צום אנדערן, די עלעוועיטארס זענען איינגעריכטעט געווארן מיט די מאקסימום סעיפטי איינריכטונגען, עס זאל פונקציאנירן אן קיין פראבלעמען בעז"ה.

אזוי אויך האט מען די טעג מען באשטעלט דער ריזן קוואנטום מיט טיילס, וואס מ'גרייט זיך צו לייגן באלד אין די קומענדיגע וואכן (זעה באזונדערע נייעס).

### פלענער אויף קומענדיגן חדשים

קומענדיגן חודש אלול און תשרי, ווען ס'וועט זיין פארטיג די פלאמבינג און עלעקטריק, האפט מען פארצוזעצן מיט פרעימינג, צו לייגן ווייטער די "שיטעט ראקינג", ווענט, חדרים, און אלעס ארום צו קענען פארענדיגן דעם בנין.

אזוי וועט מען בעז"ה פארזעצן מיט די טיילס, אינטערקאם סיסטעמס, און ענדיגן אלעס פון אינעווייניג, ביז מ'האפט בעז"ה קומענדיגן ווינטער צו זיין פולקאם פארטיג מיט דעם מעכטיגן בנין להרחבת גבולי הטהרה בישראל.

## דער עתיד
## תשע"ב – עד ביאת הגואל

מיט דעם שליסן מיר אונזער באזוך אין דעם הערליכן פראיעקט, אויף וועלכן תושבי וויליאמסבורג קוקן ארויס מיט התרגשות, צו זען דעם גרויסן בנין בנוי לתלפיות, אהערגעשטעלט לשם ולתפארת מיט די גרעסטע הידורים וחומרות לויט די יסודות פון מרן רבינו הק' זי"ע עמוד טהרתן של ישראל, על פי הדרכתו פון ממשיך דרכו בקודש כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, לתפארת כל בית ישראל.





# כתב אשר נכתב בשם המלך

אין צוזאמהאנג מיט די מתנה טובה וואס דער רבי שליט"א שענקט פאר די חשובע נותנים, א כתב הוקרה מיט חתימת יד קדשו, דערמאנט דאס אן ענליכע ביישפיל מיט באלד 60 יאר צוריק.

בשנת תשי"ב ווען מ'האט על פי פקודתו פון רבינו הק' זי"ע געבויעט דעם בנין לטהרת ישראל, האט דער רבי זי"ע גאר שטארק נושא בעול געווען אויך אינעם פינאנציעלן חלק צו שאפן די גרויסע געלטער פונעם ציבור. דער רבי זי"ע האט דאן געפאדערט און פארלאנגט פונעם ציבור אז מ'זאל זיך באשטייערן מיט גרעסערע סכומים, ער האט אויך ארויפגעלייגט א חוב אויף יעדן יחיד צו געבן א באשטימטן סכום.

סוף ווינטער, אין די יומא דהילולא פון מרן הגה"ק בעל קדושת יו"ט זי"ע, ביים סיום משניות וואו עס איז זיך צוזאמגעקומען דער ציבור, האט דער רבי זי"ע גאר שטארק מאריך געווען אין די דברות קודש אז מ'זאל זיך באשטייערן לטובת בנין הטהרה. דער רבי זי"ע האט דאן געשילדערט אין די דברי תורה ווי זיין פאטער דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע האט אין זיינע סאמע לעצטע טעג איידער זיין פטירה זיך געזארגט פאר דעם עקזיסטענץ פון די מקוה, און דער רבי האט דאן געבעטן דעם ציבור אז מ'זאל אים ארויסהעלפן צו קענען ענדיגן די מקוה, למען יסוד קדושתן של ישראל.

דעם פאלגענדן טאג האט דער רבי זי"ע זיך פערזענליך אראפגעזעצט אין בית המדרש ביים טישל און גענומען די נתינות ביים ציבור, און געשריבן רעסיטס. דאס איז געווען ביים היימישן ציבור א היסטארישע ערשיינונג, צו זען דעם רבן של ישראל, דער רבי זי"ע פערזענליך זיצן אין ביהמ"ד אפצונעמען די נתינות פונעם ציבור. דאס איז געווען דאס איינציגסטע מאל וואס דער רבי איז פערזענליך געזיצן און אפגענומען די נדבות ביים ציבור אין ביהמ"ד, און דאס האט גאר שטארק אנגעווארעמט די געפילן און אחריות צו באשטייערן מנדבת לבם הטוב.

עס איז דאן פארבליבן ביי די חסידים עטליכע גאר אינטערעסאנטע אנעקדאטן פון יענע ערשיינונג, צו זען ווי דער רבי זיצט ביים טישל און שרייבט די רעסיטס. ביי איין פאל ווען א איד האט דערלאנגט פארן רבי'ן דעם סכום פון אכצן דאללער, האט דער רבי אויסגעשריבן דעם רעסיט אויף "81" דאללער. ווען דער איד האט זיך געוואונדערט דערויף און אנגעצייגט דעם רבי'ן אז די נומער'ן זענען געשריבן פארקערט (פון רעכטס צו לינקס), האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "שרייבן דארף מען אויף פארקערט"?... (פון לינקס צו רעכטס).

**ולענינינו** הנה מבשרי אחזה הדברים, ולמען אחי ורעי אדברה נא ואפרש לפניכם את שיחתי, דהנה תדעו נאמנה כי כבד עלי הדבר מאד להעמיס על הציבור ולהטיל עליהם של לחייבם עתה ליתן עבור בנין המקוה, בהיות שידוע לי היטב המצב הקשה מדוחק הפרנסה וההתחייבויות השונות המוטלות על כאו"א עבור קיום הישיבה והביהמ"ד ושאר צרכות וכיו"ב. וקשה עלי מאוד לקחת ממון מן הציבור, ויותר ממה שקשה אצליכם הנתינה קשה עלי הלקיחה (עס איז מיר שווערער דאס נעמען ווי פאר אייך דאס געבן). אבל מ"מ ההכרח לא יגונה בעבור גודל הנחיצות שיש בזה לבנות מקוה טהרה בפני עצמינו, וכידוע וא"צ להסביר בפני אנ"ש גודל ההכרח שיש בדבר מלבד הטעמים הכמוסים שישנם עוד בזה מחמת עניני כשרות, ואולם אין לנו מקור מוצא לכסף מבחוץ מהיכן ליקח כנודע, ולזה שכתי וראיתי שיש הכרח להודיק שוב לאנ"ש לחייב את כאו"א ליקח חלק כדבר, ועכ"פ הדל לא ימעיט מסכום של "חמשה ועשרים דאלער", והעשיר ירבה כיד ה' הטובה עליו, ושכרו הנה אתו מאת הקב"ה מקור טהרתן של ישראל כמ"ש מקוה ישראל ה'. ועד"ז יובן מ"ש הכ' ויקחו לי תרומה, כי רצה לגבון גקל שאצל מרע"ה וכל קרושיו עמו בודאי שהי' קשה הדבר עליהם מאוד לקחת ממון מבנ"י, והיתה הלקיחה קשה אצלם יותר מאשר אצל בנ"י הנתינה, לכן הוצרך הכתוב לומר דבר אל בנ"י "ויקחו" כי הוא זה ציווי אל הלוקחים דייקא שיתאמצו בדבר הלקיחה אף שהוא נגד טבעם, ויקחו מישראל את נדבת לבם הטוב לבנין בית אלקינו.

**והנה** נהיתא מלפני ארבעים ושמונה שנה לעת בואתי*) לפני הסתלקותו של אבא מארי זלה"ה שהי' חלוש מאוד והי' חולה מוטל על ערש דוי שכ"מ עוד בו נשמתו, והי'

מוטל על ערש דוי שכ"מ עוד בו נשמתו, והי' ניכר ונראה שכבר הם שעותיו האחרונות עלי ארמות, וישבנו שם בני המשפחה והראשי הקהלה, ולפתע הרגישו איך שרמז בידיו הק' ושפתותיו רחושי קא מרחשין כמי שברצונו לומר איזה דבר, והבינו שברצונו לצוות איזה דבר לביתו או האיך להתנהג עמו לאחר הסתלקותו. אמנם כאשר הטו אוזן לשמוע אמרי פיו שנאמרו בלחישה שמעו שצוה על שני דברים והזהירהו בענין המקוה טהרה, חדא בהיות ש"הקעסל" המחמם את מי המקוה (הסאמאוואר - פטים בל"א) הי' כבר ישן נושן ורעוע ומידי פעם אירע שלא הי' טוב ולא חימם את המקוה כראוי והי' מן הצורך לתקנו, והי' דין ודברים בין חברי הקהלה אם לתקנו או להחליפו ולקנות חדש במקומו, וצוה אז אבא מארי זלה"ה שלא לתקן את הקעסל הישן אלא לקנות חדש (כדי שלא יארע תקלה שום פעם ע"י שלא יהיו המים מחוממים כראוי), ועוד צוה להחליף את הממונה על הטבילה שלא הי' דעתו נוחה מן ההשגחה**), עד כאן היו דבריו הקדושים שנאמרו בכחותיו האחרונים. ומזה למדנו עד כמה נגעה ללבו הטהור של אבא מארי זלה"ה ענין המקוה טהרה עד שברגעיו האחרונים לפני יציאת נשמה לא דאג שום דבר בנוגע לעצמו או בני משפחתו אלא בעבור טהרתן של ישראל, ואזהרתו האחרונה עלי ארמות היתה להזהיר על דבר המקוה שיהי' הכל על צד היותר טוב שלא יאונה שום מכשול ח"ו, ובעבור זה ראה ראיתי כי דבר בעתו מה טוב דייקא עתה בהילולא דילי' לדרוש ולעשות פעלים בדבר בנין המקוה, ולעורר את כל הציבור להשתתף בדבר וליקח חבל במצוה גדולה ורבה הלזו ושראה כל א' ליתן יותר מכפי יכלתו וכו'***).

דברות קודש פון רביה"ק זי"ע וועגן בויען די מקוה טהרה שנת תשי"ב
געדרוקט אין חידושי תורה (דינער תורות) פרשת תרומה עמוד ת"ח

# בליציגע הרגשים...

## זייענדיג פון די "עומדים צפופים" אריינצוגיין אל הקודש פנימה

## זונטאג, ראש חודש סיון תשס"ט לפ"ק

..."מי כעמך ישראל". קיין מער פאסיגן פסוק, מאמר אדער מליצה קען נישט אראפמאלן דעם לעכטיגן און כמעט-אומגלויבליכן בילד, ווען שווערע הונדערטער סאטמארער חסידים תושבי וויליאמסבורג האבן מיט א התלהבות'דיגער התרגשות און אש קודש זיך געשטיפט און געשטאנען לאנגע שעה'ן אין די שורה, צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן שליט"א, כדי איבערצוגעבן דעם התחייבות "שקלי הקודש" וואס דער רבי שליט"א האט געבעטן בלויז מיט א וואך צוריק, פאר די פרישע אונטערנעמונג למען הרחבת גבולי הקדושה.

"אלמלא ראיתיו לא האמנתיו". – דאס איז געווען דער ספאנטאנער אויסדריק און ערשטער געדאנק פון יעדן באטייליגטן אדער פארבייגייער, צו זען ווי א העלישער פייער פון התרגשות און קדושה פנימיות וואס ליגט באהאלטן אונטערן באוואוסטזיין פון סאטמארער חסידים, אז ווי נאר ס'איז ארויס דער קריאת הקודש אז ס'האנדלט זיך דא אין קדושת ישראל, דער רבי שליט"א האט אויפגעפאדערט דעם ציבור אין א אקציע מיד ולדורות אויף הרחבת גבולי הקדושה, איז מען גרייט, "הנני", און אויב דארף מען געבן געלט איז מען דא, "ואהבת את ה' אלקיך בכל מאודך, בכל ממונך", והם הביאו אליו עוד נדבה, מ'שטייט גאר אין די לאנגע רייע צו קענען איבערגעבן די נדבה פארן רבי'ן שליט"א און האבן די זכי' צו זיין פון די משתתפים לדבר מצוה נשגבה.

בלויז א וואך צוריק, אין די דברות קודש ביום ל"ג בעומר אין האט דער רבי שליט"א אפעלירט צום ציבור איבער דעם חובת השעה און דער "התחייבות שקלי הקודש" אין סכום פון אכצן הונדערט דאללער ($1,800) למען יסוד קדושתן של ישראל. און דא זעט מען דאס אין די ווירקליכקייט ווי דער ציבור קומט "וצרור כספם בידם", צו געבן דעם תרומת הקודש.

*

דער אומגלויבליכער בילד צו זען ווי הונדערטער אידן





דער ציבור שלענגלט זיך אין לאנגע רייען איבערצוגעבן די שקלי הקודש פאר רבינו שליט"א

"שטיפן זיך" און שטייען לאנגע שעה'ן אין די רייע, בלויז אויף צו ערפילן דעם פקודת הקודש און ברענגן דעם פארלאנגטן סכום, האט באשיינפערליך אפגעשפיגלט דעם באקאנטן מאמר הגמ' וואס כלל ישראל לערנט אין די טעג ארום קבלת התורה, אין מס' שבת (דף פ"ח ע"א):

די גמרא דערציילט אונז, ווי א צדוקי האט געזען דעם הייליגן אמורא רבא ווי ער לערנט בעיון, און בטעות איז ער געזיצן אויף זיין פינגער און ס'איז אים גערינען בלוט פון די האנט, האט ער מיט שפאט געזאגט פאר רבא, "עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו", איר זענט א איבערגעאיילט פאלק וואס פארפליכטעט זיך נאך בעפאר מ'הערט איבער וואס ס'האנדלט זיך, "אכתי בפחזותייכו קיימיתו", איר זענט נאך אלץ מיט אייער איבערגעאיילטקייט, "ברישא איבעיא לכו למשמע אי מציתו קבליתו, ואי לא לא קבליתו", בעפאר איר האט געזאגט "נעשה ונשמע" האט איר געזאלט הערן אויב איר קענט מקבל זיין די תורה, און טאמער ס'איז אייך צו שווער זאלט איר דאס נישט נעמען. מיט דעם האט ער פרובירט צו לאזן אנהערן פאר דעם הייליגן אמורא רבא אז אידן זענען באצייכנט ווי אן איבערגעאיילט און נישט-טראכטנדיגער פאלק וואס טוט אומ-אויסגערעכנטע שריט.

האט דער הייליגער אמורא רבא אים באלד אפגעענטפערט: "אנן דסגינן בשלימותא כתיב בן תומת ישרים תנחם, הנך אינשי דסגן בעלילותא כתיב בהו וסלף בוגדים ישדם". יא, גערעכט זענט איר אז מיר זענען איבערגעאיילט, מיר פאלגן און מיר זענען מקבל, דאס איז אונזער לויב, דאס איז דער גרעסטער שבח פון כלל ישראל, מ'איז געטריי און מ'פאלגט בתמימות, ווי רש"י זאגט בלשון קדשו: "אנן דסגינן בשלימותא, התהלכנו עמו בתום לב, כדרך העושים מאהבה וסמכנו עליו שלא יטעננו בדבר שלא נוכל לעמוד בו", מיר טוען דאס מיט ליבשאפט, מיט טראסט, מיר פארלאזן זיך אז די תורה הקדושה וועט אונז פירן אויפן ריכטיגן וועג, מיר זענען פארזיכערט אין די ערליכע מנהיגי ישראל ודרכם נר לרגלינו, און דערפאר זענען מיר אזוי געאיילט צו גיין אויפן דרך הישר.

אט דער הייליגער מאמר און איר משמעות האט זיך דערזען אין פשוט'ן זון פוןווארט, ווען הדבר יצא מפי המלך, מאן מלכי רבנן, "ויצו משה ויעבירו קול במחנה לאמר", דער רבי שליט"א בעט אז מ'זאל זיך אנשליסן אין דעם התחייבות פון "שקלי הקודש" מיטן סכום פון $1,800 פאר קדושת ישראל, יא ס'איז א גרויסער סכום, ס'איז אסאך געלט אפילו פאר א דורכשניטליכן פארדינער צו געבן אויף איין מאל, אבער אז ס'איז די רעדע פון "עת לעשות לה'", מ'דארף אויפטוהן פאר אידישקייט, ס'איז א צורך השעה וואס קען שוין נישט שפעטיגן, קוקט מען אוועק אויף אלע זייטיגע חשבונות, ס'קאסט געלט, אסאך געלט, ס'איז א שווערע עקענאמיע, דער מצב הפרנסה איז שווער, א.א.וו. אלעס לייגט מען אין די זייט, מ'איז גרייט צו טאן, "הנני והנני", און מ'קומט









סדר מסירת

**"שקלי הקודש"**

**$1,800**

לידי עטרת ראשינו כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**"דינסטאג"** שלח

בביהמ"ד הגדול ד'סאטמאר (הופפער סט.)

**כדי דער סדר פון אריינגיין אל הקודש פנימה איבערגעבן די "שקלי הקודש" פאר כ"ק מרן רבינו שליט"א זאל צוגיין מיטן גרעסטן מאס ארדענונג, האבן מיר מסדר געווען דעם פאלגענדן סיסטעם, און מיר בעטן אז דער ציבור זאל בייהילפיג זיין אז מ'זאל קענען אנהאלטן דעם סדר להצלחת הענין.**

1 די צייט וואס איז באשטימט אריינצוגיין אל הקודש פנימה "אין ביהמ"ד הגדול", איז פון 7:00 ביז 9:00 אווענט. דאן וועט רבינו שליט"א דאווענען מנחה-מעריב, און אריבערגיין לביתו נאוה קודש אויף הויז סטריט וואו מ'וועט ווייטער קענען אריינגיין.

2 ווען מ'קומט אן וועט מען באקומען צוגעטיילט א "נומער", די עסקנים וועלן אויפשרייבן דעם נאמען און טעלעפאן נומער פון יעדן "נומער" וואס ווערט ארויסגענומען, און די שורה אריינצוגיין אל הקודש פנימה וועט גיין לויט די נומערן.

3 דער אריינגאנג פארן ציבור איז דורך די "צפון-זייט" טיר פון "חדר בית רייזל", (נעבן די קאווע צימער, מ'קען אויך אריינגיין דורך "מזרחית-צפונית" פון "היכל התורה תהלות יהוסף"). דער "דרום-זייט" טיר צו "חדר בית רייזל" וועט זיין גענצליך פארשלאסן כדי צו האלטן דעם ארדענונג.

4 די ערשטע 15 מינוט וועט זיין געווידמעט ספעציעל פאר די נדיבים וועלכע האבן שוין געגעבן זייער נדבה פון $1,800 "שקלי הקודש" אין די פארגאנגענע וואכן, און נאכנישט באקומען קיין געבענטשטע "ה". זיי וועלן קענען אריינגיין אל הקודש פנימה און באלד באקומען די געבענטשטע "ה" בברכת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

5 נדיבים בעלי יכולת תושבי וויליאמסבורג וועלכע ווילן אריינברענגען א גרעסערן סכום, וועלן ווערן באזונדער אריינגעלאזט פון די זייטיגע טיר, וואו די עסקנים וועלן אנווייזן וואו צו גיין.

6 די נדיבים וועלכע וועלן נישט אנקומען אריינצוגיין בעפאר 9:00 (און וועלן שוין האבן א "נומער"), וועט מען זיך מיט זיי פערזענליך פארבינדן און אפשמועסן א צייט ווען מ'קען אריינגיין אל הקודש פנימה איבערגעבן דאס געלט פארן רבין שליט"א.

חפץ ה' בידינו יצליח להרחיב גבולי הקדושה

ווער המסדר

לויפן איבערצוגעבן דאס געלט.

ס'האט זיך ווידער ארויסגעשטעלט די הייליגע השפעה פון דעם רועה נאמן כ"ק מרן הגה"ק שליט"א אויף עדת צאן מרעיתו, די געטרייע חסידים ותלמידים אינערהאלב די ק"ק יטב לב ד'סאטמאר אין וויליאמסבורג; ווען ס'קומט צו אויספירן און זיין האָרכזאַם צו דעם דבר ה', ווען ס'האנדלט זיך אין א פקודת הקודש וואס דער רבי שליט"א פאדערט אויף למען קדושת ישראל, דאן איז נישט קיין צייט פאר קיין קווענקלעניש, אויב מ'קען אדער נישט! דאן קומט ארויס די נקודה הפנימיות און אהבת המצוות וואס דער רבי שליט"א חזר'ט כסדר מיט תלמידיו וחסידיו, און אָן אריינטראכטן אדער קווענקעלנישן דערהערט זיך באלד דער געשריי, ויענו כל הקהל יחדו פה אחד: "נעשה"! מיר זענען גרייט צו טוהן! מיר קוקן אויף גארנישט. אויב איז דאָס דער רצון הבורא, אויב ווענדט זיך אין דעם אונזער עתיד, אויף איז דאס אן התחייבות הקודש לטובתינו ולטובת די קומענדיגע דורות, זענען מיר אלע אויפאַמאָל גרייט און האָרכזאַם לעשות רצון צדיק.

עס דערזעט זיך אז דער הייליגער שבח פון כלל ישראל, דער "עמא פזיזא" איז א נצחיות. מ'איז האָרכזאַם און הערוועדיג, און גאָר "איילעדיג" ווען ס'קומט צו דעם דבר ה', ווען ס'פאָדערט זיך צו טוהן למען ה' ותורתו קומט מען צו לויפן מיט א קום ועשה, והם הביאו אליו נדבה. דאס ארגינאלקייט פון כלל ישראל איז נאך במלא תקפה. ס'איז "אַכּתי בפּחזותייכו קיימיתו".

מ'קוקט זיך צו ווי א ריזן ציבור איז "עומדים צפופים", מ'שטייט אין א לאנגע רייע וואס שלענגלט זיך אזש ביז אין אנדערן צימער נאך די "קאווע שטובל" נעבן "חדר יחיאל מיכל", אלעס ווארט מיט געדולד צו קענען אנקומען אל הקודש פנימה און געבן די נדבה, "ולא אמר אדם צר לי המקום", ס'איז שווער צו שטיין און צו געבן, ס'איז "עת לעשות לה'", ס'ווערט נתגלה א רוח טהרה ממרום וואס פאָדערט אויסצופירן דעם צורך השעה, ווערט דער גאנצער ציבור אויפאמאל אין א מדריגה פון "כל אֲשר דיבר ה' נעשה", מיר זענען גרייט, "ואהבת את ה"א בכל מאודך" אן קיין שום שאלות און אן קיין שום חשבונות.

*

וואס א מינוט שפעטער אין אווענט איז די שורה געווארן פילער און געדעכטער, דער ציבור איז געוואקסן און די נותנים זענען געקומען צו לויפן אין די מאסן, געבן געלט, נעמען ברכות, כאפן הבטחות און ישועות, ס'איז לילה כיום יאיר, אידן שטייען לאנגע שעה'ן אין די רייע צו איבערגעבן דעם תרומת הקודש, וואס האט אזוי אנגעהאלטן ביז דער זייגער האט געקלאפט אויף 1:00 כחצות הלילה, ווען דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקערט למעון קדשו אין קרית יואל יצ"ו.











קריאה לאנ"ש לעזור לגמר בניית המקוה (בוויליאמסבורג)

ב"ה

הק' יואל טייטלבוים



# דעם רבינ'ס דאגה אויפ'ן שיף...

ווי באקאנט איז דער רבי זי"ע געווען גאר שטארק פארקאכט אין דעם בניית המקוה, און עס איז אים געגאנגען בנפשו אז די מקוה זאל פארענדיגט ווערן ווי פריער, און דער רבי האט כסדר מזרז געווען די עוסקים במלאכת הקודש זיך צוצואיילן מיט דעם פראיעקט.

דער רבי האט שטארק געהאפט אז די מקוה וועט נאך פארענדיגט ווערן אויף יו"ט שבועות פון יענעם יאר תשי"ב, למעשה האט דער מסבב כל הסיבות געפירט אז דער רבי זי"ע האט יענעם יאר געמוזט פארן קיין ארץ ישראל און ביני לביני האט זיך די ארבעט פון די מקוה פארשלעפט, און דער רבי האט געהאט פיל צער דערפון.

אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל זייענדיג אויפ'ן שיף, האט דער רבי אפגעשריבן א לענגערן בריוו צו אנשי שלומינו, וואו דער רבי דרוקט אויס זיין באדויערונג אויף דעם וואס די ארבעט האט זיך פארצויגן, **און דער רבי שרייבט בתוך הדברים אז איינע פון די סיבות וואס מען קען נישט פארענדיגן איז דאס וואס פילע האבן זיך נאך נישט אנגעשלאסן אינאיינעם מיט די זריזים לדבר מצוה צו געבן געלט פאר די מקוה.**

**דער רבי האט דאן אויפגעפאדערט יעדן יחיד פון די חברי קהילתינו הק' אז קיינער זאל זיך נישט ארויסדרייען פון צו נעמען א חלק אין דעם וויכטיגן ענין, כדי מען זאל קענען גומר זיין די מלאכת הבני'.**

דער רבי פירט אויס אז טראץ דעם וואס דער היימישער ציבור איז אנגעשטרענגט צוליב די פילע התחייבות'ער וואס מען האט ארויפגעלייגט אויפ'ן ציבור יענעם יאר פאר אנדערע וויכטיגע צוועקן אין די קהילה, דאך זאל מען ח"ו נישט פארנאכלעסיגן דעם וויכטיגן ענין פון די מקוה כדי מען זאל ח"ו נישט שטעקן בלייבן אינמיטן בויען.

מיר שטייען היינט צו טאגס אין דעם זעלבן זושטאנד ווי אין יענעם זומער תשי"ב אז מען דארף ווי אמשנעלסטן פארענדיגן די מקוה, און מען איז אנגעוויזן אויף פרישע נדבות פון דעם ברייטן ציבור צו קענען ענדיגן בכי טוב, עס פארלאנגט זיך פון יעדן סאטמאר'ן תלמיד צו האלטן פאר די אויגן דעם הייסן רוף פון רביה"ק זי"ע אז יעדער יחיד אן א אויסנאם זאל זיך אנשליסן אין דעם הייליגן צוועק ליסוד קדושתן של ישראל.

ובזכות זה וועלן מיר אלע זוכה זיין צו די אלע ברכות וישועות וואס די סגולת המקוה איז משפיע פאר די נדבנים, בני חיי ומזוני רוויחי, ביז מיר וועלן זוכה זיין בקרוב לשמוע קול שופר של משיח בב"א.



מקוה טהרה

ד'קהל יטב לב ד'סאטמאר

Design And Layout By: Dfis Malchus 347-243-5780

**CONG. YETEV LEV**
101 Broadway #B01
Brooklyn NY 11211

Non Profit Org.
U.S. Postage
**PAID**
SMART SHOPPER